STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09505

MENTSH UN TSAYT

Sarah Fell-Yellin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה פעל־יעלין

מענטש און צייט

—איקוף פארלאג—

MAN AND TIME

(Mentsh un Tzeit)

by

SARAH FELL YELLIN

Copyright 1965, *by*
SARAH FELL YELLIN
115 South Berendo Street
Los Angeles, Calif. 90004

Published by YKUF, *New York, 1965*

Printed by
SCHWARTZ PRINTING CO.
Los Angeles, Calif. 90021
100

. . . געווידמעט
מיינע קינדער און
אייניקלעך, וועלכע
וועלן, גלויב איך, לעבן
אין אַ וועלט פון
קולטור און שלום.

מיין דאַנק צו אייך:

איך לעב. איך האָב ליב דאָס לעבן. מוט און בטחון איז דער לעבנס־דעוויז פון אונדזער קיום.

טאַקע דאָס וואָס איך האָב באַשלאָסן אַרויסגעבן נאָך אַ בוך אין דער אידישער שפּראַך פאַר דעם אידיש־לייענער, באַשטעטיקט מיין גרויסן גלויבן אין אייך, מיינע לייענער, מיינע פריינט און דערמוטיקער אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט.

מיין האַרציקסטן דאַנק דעם געטרייען אַרבעטזאַמען בוך־קאָמיטעט פאַר דער וויכטיקער קולטור־פונקציע פון העלפן איינזאַמלען די ווערק פון אַ דיכטער און זיי אַרויסגעבן אין אַ בוך. אַ דאַנק קומט אויך מיין מאַן, מענדל יעלין, פאַר העלפן צוזאַמענשטעלן „מענטש און צייט" און פאַר דער טעכנישער אַרבעט וואָס איז פאַרבונדן מיט אַרויסגעבן אַ בוך.

שרה פעל יעלין

אינהאַלט

מענטש און צייט

ס'וועט קומען אַ צייט . . . 9
געבוירן אין פרילינג . . . 10
ביים שוועל 11
לעב! 12
פלאָנטער 13
די שטימע פון אַ מענטשן . 14
ענדערונג 15
טעג פון לעבן 16
היינטצייטיקע ספינקסן . . 17
צייט־גאַנג 18
שלום־עליכם! 19
וואַנדערער אָן ציל 20
הימל ברענט 21
דער ריטם פון וועלט . . . 22
אויף שיידוועגן פון צייט . 23
זיין צוואה 24
ווער איז פרעמד? 25
רעטעניש 26
ניי־יאָר 27
וויפיל ערשטע מאָיען . . . 28
די האַנט וואָס וויגט דאָס קינד
אין וויג 29
אָקטאָבער טעג 31
שלום־דעמער־„מיר" 32
זאָלן בלומען בליען אומעטום 33
לעמעלעך און לייבן 34
שטערן אין די אויגן,
זונען אין האַרצן 35
קאָסמאָנאַט יורי גאַגאַרין . 36
אָדלערלעך 38
עול פון לעבן 39
די מאַפּע פון דער ערד . . 40
פעלקער ערשט געבוירענע . 41
מיר זיינען דאָ! 42
סאַקאָ און וואַנזעטי . . . 43
אין שטורעם־וואַסערן
פון צייט 45
לייטערס צו שטערן 46
דעם אָנדענק פון צוויי . . . 47
אַ חלום 48
בלומען און טרערן 50
פרילינג 52
ליד 54
כל זמן 55
שלום עליכם ירושה 56
י. ל. פרץ 57
פּאַסירט האָט עס דאָ 58
באַלאַדע וועגן
ערנעסטינע ל. ראָוז . . . 59
אַ גרוס 61
„וואָס גייט מיר אָן?" . . . 62
די זומפּן־ברידער 64
צי געדענקסטו? 65
שלום־גאַנג 68
ניו־יאָרק 69

פון האַרצן

מיינע לידער 73
דערמאָנונג 74
באַגינען 76
די וויינענדיקע ווערבע . . 77
אונטער אַ פייגן־בוים . . 78
יאַפּאַנעזער עפּל־בוים . . 79
רעגן־שפּיל 80
זומער 81
האַרבסט 82
שניי־באַלעט 83
די פאַרבערין 84
שרעק־גערויש 85
דאָ איז אַמאָל אַ היים געווען 86
די שטילע 87
בין השמשות 88
די לוויה פון אַ באַרג . . . 89
אַ ליד ווערט געבוירן . . 90
דער דיכטער פון
ליכטיקער שורה . . . 91
שלום־עליכם 93
פאַלט אַ פריינט 94
אין מיין פריינט'ס סטודיאָ 95
מיין געשאַנק 96
דיין לעבן 97
קונסט־וועלט 98
לעצטע שעה 99
געדולד 100
בוך 101
געדאַנקען־גאַנג 102
יונגע ליבע 103
מיין שטראָף 103
לבנה־נאַכט 104
אין זון־פאַרגאַנג 105
עס טוליעט זיך די עלטער . 106
עס קלאַפּט אַ האַרץ . . . 107
גלאַדיאָלאַס 109
ווען כ'וועל אַמאָל ניט זיין . 110
אַ קוואַל אַ שטילער 111
אַוועקגעפלויגן 112
גליק 113
צו דיר, מיין מאַן 114
מיין ערשטע ליד 115
צווייגן גרינען 116
איר היים איז אַ תפיסה . . 117
אַליין 118
געזאַנג 119
אַ טעפּעלע קאַווע 119
טויבן 120
ערשטער ראַנדעוואו . . . 121
אַ יונגע באַלערינע 122
פון פרוכט דער
זיסטער וויין 123
מאַריאַ פון פערו 124
מיין וואַזאַנע 125
אַ שוואַנגערע פרוי 125
לעצטע בלימעלעך 126

נעגער־לידער

אַמעריקע, מיין היים . . . 129
וויג־ליד פון
אַ שקלאַפן־מאַמע . . . 130
די לעגענדע
העריעט טובמאַן 132
„סאַדזשוירנער טרוט“ . . 138

דזשאָן בראַון	140
אייברעהעם לינקאָלן	143
זיבן שוואַלבן	145
פאַרשעמטע גאַס	148
בוירמינגהעם	150
פרילינג אין אינגרעהעם פּאַרק	151
ווייסע גלייכגילט	152
פיר פייגעלעך	153
היימלאָז	155
איבעריקע מענטשן	156
צו איינזאַמלען דעם שניט	158
אַ שוואַרצע מיידעלע	161
נייער אָנהויב	163
די בראָנזענע מאַדאָנאַ	165
פּאַרמעסט	166

קינדער-וועלט

צוגאַסט ביים זיידן	168
שטיפער ווידער׳קול	171
דער אויבן־אָן	172
מיידעלעך צוויי	173
דעם פעטערס מתנה	174
אַ מעשהלע מיט אַ איינגעלע	175
זייף־שפּיל	176
אַ מעשה מיט אַ קעצל	177
אָן עפּעלע	178
סטיוועלע און זיין מאַמע	179
גרעזעלעך	180
זינגט אָן איינזאַם פייגעלע	181
ס׳קומט אַ רעגן	182
אַ פייגעלע אין פרילינג	183
דער יאַריד	184
אַ לעבעלע ברויט	186
וויג־ליד	187
די באַלאַדע וועגן אַברעמלס קוליעס	188
דוד׳ל	190

ביכער פון שרה פעל יעלין:

„טריט נאָך טריט" — באָסטאָן, מאַס.	1937
„נעענטער" — באָסטאָן, מאַס.	1941
„ליכטיקע ווייזערס" — באָסטאָן, מאַס.	1946
„צו זון און פרייד" — לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.	1957
„אויף פליגל פון חלום" — וואַרשע, פוילן,	1961
Cassie the Cat and Bunny the Rabbit, New York,	1959

מענטש און צײַט

● „דער מענטש, וואָס שרײַבט וועגן זיך און זײַן צײַט,
איז דער אײנציקער מענטש, וואָס שרײַבט
וועגן אַלע מענטשן און אַלע צײַטן."

(דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו
אין „קלאָרקײט און קונסט")

ס׳וועט קומען אַ צייט

ס׳וועט קומען אַ צייט,
ווען דאָס וואָרט פֿון פּאָעט,
וועט זיין ווי פֿון פֿידל דער זיידענער קלאַנג;
ווען פֿרידן וועט זיגן
אין גרויסן געזוועט,
וועט דיכטער, ווי דימענט, פּאָלירן געזאַנג!

ס׳וועט קומען אַ צייט,
ווען ווי סטרונע אין ווינט,
וועט פֿילבאַר זיין דאָרשטיקער אויער פֿון הערער:
דעם אָטעם פֿון גראָזן,
דעם שמייכל פֿון קינד,
וועט מער ניט פֿאַרטויבן דעם פּויק פֿון צעשטערער!

ס׳וועט קומען אַ צייט,
ווען אין שעפֿערישן ספּאָרט,
וועלן ווערטער פֿון ליד זיין ווי ליכטיקע פֿונקען;
ווי מאָרגן-טוי פֿינקלען,
וועט פֿריידיקעס וואָרט,
ווייל אין האָניק פֿון לעבן זיין פּען וועט ער טונקען.

ס׳וועט קומען אַ צייט,
ווען ס׳וועט היימיש זיך מישן
דער נעקטאַר פֿון פֿעלקער אין ליד פֿון דער וועלט:
ס׳וועלן ווייסע, קאָלירטע,
ווי ברידער ביי טישן,
דערפֿרישט זיין פֿון ליד, ווי פֿון רעגן דאָס פֿעלד.

געבוירן אין פרילינג

יאָרן מיינע, אויסגעפּרואווטע פריינט,
ס'איז יום־טוב היינט!
טאָ שטעלט זיך אויס ווי אויף פּאַראַד
און לאָמיר דורכגיין יעדן טראָט און סליאַד
פון אונזער שווערן גאַנג:
געווען געוויין, געזאַנג,
געווען געדולד און שולד
און גלויבן אינעם מענטשן.

געבוירן אין פרילינג... אַ צווילינג
מיט מינדסטן גרעזל וואָס שפּראָצט און גרינט,
מיט שפּינער פון טרוימען,
מיט פאַרשער אין רוימען,
מיט פרייהייט־מאַרשירער אין סעלמאַ —
מיט אַלץ, וואָס דאָס לעבן באַזינגט!

ציפער זיבעציק!
אַ בריק איבער וואונדער־דעקאַדן,
אַ שיף געלאָדן מיט בוי און רואינען,
מיט ליכטיקן גרוי פון אַ נייעם באַגינען,
מיט צווייפל, מיט פרייד און מיט גלויבן...
ס'האָט גוטע צייט מיך איבער קרומקייטן דערהויבן
צו טרייסטן און באַגריסן —
בראַנד־וואונדן, ריסן פאַרקיילעכט, פאַרגלעט.

ליג איך פריידיק, אויסגעשעפּט,
ווי אַ קימפּעטאָרין אין בעט
מיט אַ נייעם צוגאָב...
קיין טענות האָב איך ניט,
ווייל אינגער, אימפּעטיקער ווי מיין גוף
איז מיין געמיט,

ווייל יעדער טאָג איז אָנגעלייגטער גאַסט,
און ווי אַ פעדער לייכט איז לאַסט פון יעדן יאָר.

פון פרילינגען אַ סך איך זאַמל שניט —
עס בליט אונטער שניי,
עס וואַקסט אין שטורעם און אין שלאַקסן,
און יעדער נייער שפּראָץ
איז שטויס, און טראָץ
דער סופ׳יקייט פון מענטשן!

ביים שוועל

לעבן-לאַנג געיאָגט זיך צו דעם מאָרגן,
ניט פאַרגונען זיך אַביסל צייט צו זיין!
ווען איך קען אַצינד אַ צענדליק יאָרן באָרגן,
כ׳וואָלט קיין רגע ניט געלאָזט אין ניוועץ גיין.

כ׳וואָלט ווי אַן אוצר אָפּגעהיט געבאָרגטע יאָרן,
פאַרזיכיטק צעבלאָזן יעדן לעבעדיקן פונק;
ווי וואַסער אין אַ מדבר, כ׳וואָלט רגעס שפּאָרן
און מיט הנאה זיך געקוויקט מיט יעדן טרונק.

צום ציל אין איילעניש איך בין געלאָפן,
ביז פעסט און רייף געוואָרן איז מיין שטעל.
ס׳וועט זיכער צייט פאַר דעם מיך ניט באַשטראָפן
און נחת פון דעם היינט מיר שענקען ביי מיין שוועל.

ל ע ב !

אומזיכער איז יעדער טאָג —
יעדע שעה קאָן אפשר לעצטע זיין...
טאָ לאָז קיין מחיצה דיר אין וועג ניט שטיין —
לעב... לעב... לעב!
לאָז פאַלן אויף דיין איינצל־וואָג
געוויכט פון יעדן טאָג —
גיב אַלץ וואָס האָט אַ ווערט,
וואָס ס'איז דיר ליב...
גיב... גיב... גיב!

זאָל יעדער טיילעכל פון דיר
זיין בלויז אַ פינטעלע קאָליר
אין דער מאָזאַאיק פונעם לעבן,
איין־איינציק פעדימל אין קונציקן געוואַנט —
גיב מיט פולער האַנט
דיין קליינינקן צושטייער
דעם מאַראַטאָן פון אונזער גרויסער צייט!

לעב... שאַף... גלויב... האָף,
ווי יעדער טאָג געווען וואָלט סוף,
ווי יעדער אויגנבליק מתנה פונעם לעבן!
קוק־אָן בונט־פּלאַטערל —
בלויז איין טאָג לאַנג איז אים געגעבן,
לעבט ער, ליבט ער... ווערט ניט מיד...
זיין לעבן — ליד פון דאַנק דעם נס פון זיין!

מענטש! לאָז ווייטיק דיר אין וועג ניט שטיין!
נעם בלוי פון לויטערן זעפיר,
נעם פון מינדסטן בלימעלע קאָליר,
נעם צאַרטקייט פונעם פרילינג-ווינט,
דאָס שמייכעלע פון קינד געטונקט אין זון,
און שפּין דערפון אַ הימן צו יעדער לעבעדיקער שעה,
וואָס דו ביסט דאָ!
לייג שטאָלץ אויף איינצל-וואָג
די פרוכט פון יעדן טאָג... און גיב!
גיב מיט ציטער עסענץ פון לעבנסלוסטיקן געמיט
אין נעקטאַר-בעכער פון דיין ליד.

פּלאָנטער

זיין לעבן אַ שטייפער באַוול-קנויל,
אַצינד צעוואָרפן ליגט ביי זיינע פיס.
שווער איז אים אַ פאָדעם אָנכאַפּן אין פּלאָנטער:
אַ ריפּ — אַ קנופּ,
אַ צי — אַ ריס!
אַ לעבן איינגעפּאַסט ווי ריטם אין געזאַנג,
האָט זיך אין גאַנג ספּאַטיקעט —
דרייט ער זיך ווי וועווערקע אין ראָד...
ער גייט און גייט און בלייבט שטיין אויף איין אָרט.
אַ שאָד! אַ גרויסער שאָד!
פאַרלאָרן ווערן טעג און יאָרן
אין זינלאָזן געדריי —
אין ראָד פאַרשלאָסענעם, אָן אָנהויב און אָן סוף,
ער וועט אין פּלאָנטער, אָנהויב-פאָדעם ניט געפינען!

די שטימע פון אַ מענטשן

ערשטער אויסגעשריי פון ניי־געבוירענעם:
„זייט וויסן... איך בין דאָ!"
יעדער רגע... יעדע שעה באַפעלט זיין קול
פאַרלאַנגען אָן אַ צאָל:
דאָרשט און הונגער,
בעט און לופט —
ער פאָדערט... ער רופט —
עס האָט נאַטור אַליין אים מיטגעגעבן
אַ וואונדער־אינסטרומענט פון לעבן —
די שטימע פון אַ מענטשן!

ניט סתם אַ לעבעדיקער קול... אַ מענטשן־שטים!
זי וואַקסט... זי, רייפט אין אים... מיט אים
דורך שווערע פורעמדיקע יאָרן... אַ גאַנצן לעבנס־שפּאַן!
ס'איז זין פאַראַן אין יעדן קלאַנג,
צווישן מענטש און מיט־מענטשן אַ בריק —
באַהעפטונג־בונד אין שמחות און געפאַר,
שטראָף און שכר —
אָט האָניג־זיס
און אָט, נאָך טויטלעכער ווי שלאַנגען־ביס!

שטימע! בישוף־מאַכערין פון מענטשן!
זי קאָן טרייסטן, שעלטן, בענטשן:
צאַרט און שטיל... לייב־געבריל,
האַמער־שלאָג... וואָרנונג־זאָג...
אַזאַ שטימע בייטן קאָן דעם פּנים פון דער ערד,
איבערגיסן באַמבע, ביקס און שווערד אין שלום־גלאָק!
מענטש — דער מייסטער פון דעם צויבער אינסטרומענט,
קאָן שטורעמען די גלייכגילט־ווענט,
קאָן פורעמען אַ וועלט אָן שרעק און נויט —
אַ לעבן פריילעכן פון בלומען און פון ברויט!

ענדערונג

אָט ווי איך זיץ אַצינד און שרייב,
עס עלטערן זיך צעלן אין מיין לייב —
אַנדערש ווערט מיט עפּעס גאָס און שטאָט,
אַנדערש איינס פון צווייטן יעדער טראָט!

איין אויגן-וואונק — און אַנדערש ווערט דער גראָז,
איין אָטעם-צוג פאַרענדערט ווינטל-בלאָז...
אַנדערש ווערט דער טייך ווען גייסט אַריין —
ווייל וואָס געווען קאָן נאָכאַמאָל ניט זיין!

עס זעט ניט אויג דעם וואוקס פון קוויט,
דעם שפּראָץ-אָנהויב פון קערנדל און בייט,
יעדער האַמער-קלאַפּ און סקריפּ פון זעג
מאַכט עפּעס אַנדערש אויפן לעבנס-וועג.

יעדע רגע-טייל ווערט אַנדערש לופט און ערד,
יעדע זאַך וואָס איז, געענדערט ווערט;
ווייל ענדערונג איז שענסטער, אייביקער געבאָט
און מענטש, דער קרוין-באַשאַף — זיין אייגן גאָט!

טעג פון לעבן

וואָס איז טאָג אויף קאַנווע פון לעבן?
וואָס איז ציפער אויפן קאַלענדאַר?
אַז פאַר די אויגן איז אַנ׳סופ׳יקייט
מיט זונען אויסגעצירט,
אַז עס ווערן וועלטן ליכטיקע אַנטדעקט,
אַז לעבן ווערט אויפסניי געבוירן?!
די צייט האָט צויבער רעטעניש
צעזעגט מיט פיינער זעג
און יאָרן־ברוכשטיקער צעוואָרפן
אויף איר וועג אָן סדר...
דאָס וויל זי אויספּרואוון געדולד,
אָפּמעסטן די לעבנס־לוסט,
אָפּוועגן דראַנג און גלוסט פון יעדן דור
צו אויפשטעלן, צו בעסערן איר מאַגישן אוצר!

טאָג אין צייט:
אויגן־בליץ אין איר באַוועגלעכן באַשטאַנד,
אַטאָם־שפּליטער אין איר כּישוף־האַנט,
וואָס קנעט דעם אייביק־יווירנדיקן טייג
פון זון און ברויט.
וויל איך טעג פון לעבן, ווי ירושה־בעכער,
הויבן הויך און העכער איבער קעפּ
צו טרעפ־דעקאַדן, צו די וואָס שטייגן אויף
און נעמען איבער:
עס טאָר קיין טראָפּעלע די ראַנדן ניט אַריבער,
ווייל פון בעכערס פרייד און טרערן,
וועט דער ווייַן פאַר דורות ווערן.

הינטצייטיקע ספינקסן

אויף קרייצוועגן פון אַלטער וועלט
האָבן פּאַרצייטן זיך ספינקסן געשטעלט,
געפאָדערט צו רעטעניש אַן ענטפער געבן,
אָדער צאָלן מיט לייב און לעבן!

איז דער ענטפער ניט געלונגען,
ווערט דער קרבן גלייך פאַרשלונגען...
שלינגען ספינקסן נאַכט און טאָג,
וואַקסן רעטענישן... סטאָג נאָך סטאָג...

מיט חיה־וועזן, מיט מענטשן־קאָפּ,
קוקט ספינקס אויף קרייצוועגן אַראָפּ:
„בלויז חכמה קען מיין מאַכט באַזיגן,
טרעפט ווער, בלייב איך טויט דאָ ליגן."

קומט וואַנדערער פון ערגעץ־לאַנד,
שטעלט ספינקסן אוים צו שפּאָט און שאַנד:
ער האָט צו רעטעניש אַ לייזונג גרייט...
פאַלן בייזע ספינקסן טויט!

— — — — — — — — —

אויף קרייצוועגן פון נייער וועלט,
מצבות ווערן אויפגעשטעלט,
טויטע ספינקסן פון שטיין געהאַקט,
מיילשטיינער אויף פרייהייט־טראַקט!

צייט־גאַנג

װען מענטש װאָלט אַ כישוף געהאַט אין די הענט,
צו גליװערן צייט, צו אָפּשטעלן טעג,
צו אויסגלייכן קרומקייט פון לעבנס־װעג,
זיין גורל פאַרשפאַרן װי פויגל אין שטייג
צװישן הויכע מיט שטאַנגען פאַרריגלטע װענט;
װען מענטש װאָלט פאַרפענטעט זיין ברויז און זיין שװאונג,
פאַרבליבן ניט אָנגערירט, אייביק־יונג —
ער װאָלט אין באַװעגלעכער, צילפולער װעלט
זיין אייגענעם גליק אַ מצבה געשטעלט!

אין שטראָמען פון צייט — װי טראָפּנס די טעג,
די קרומקייטן — כװאַליקער שטויס אויפן װעג,
דער מענטש איז אַ שיף מיט אַ קאָמפּאַס און רודער,
דער שטורעם — זיין נאָענטער, לייבלעכער ברודער,
די אומרו און אָנרעג, צו האָפענונג אַ בריק,
צום האָפן פון לעבן, צום אור־קװאַל פון גליק.

שלום עליכם!

ווען ס'וועט אַ מענטש אין קריג ניט גיין
פאַר שטיקל פרעמדער ערד ביז בלוט —
וועט זיין גוט!
מיט זיך אַליין ער וועט דאַן חבר ווערן,
די שטים פון אייגן האַרץ ער וועט דערהערן,
ער וועט זיין אייגענע נשמה
פאַר אַ שותף נעמען
און זי קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרשעמען.

ווען ס'וועט אַ מענטש אַ מענטשן אין די אויגן קוקן
און זיך אַליין דערזען אין יענעמס בליק —
וועט זיין גליק!
זיסער, זיסער גליק!
עס וועט דאָס לעבן אים מתנות געבן,
די טעג זיינע ווי בונטע פעדים איינוועבן
אין וועלט־געזיוואַנט —
ס'וועט מענטש צו מענטש אויסציען זיין האַנט
און זאָגן שלום!
שלום... שלום עליכם!

וואַנדערער און ציל

ווער עס גריבלט זיך
אין יעדן קנייטש פון לעבן,
האָט קיינמאָל ניט געלעבט!
אין שפּרודל פון אַ שווינדל־פּעסטן שטראָם,
ווערן טעג, ווי כוואַליעס,
איינס אין אַנדערן פאַרשלונגען,
אין ראַשיקן באַוועגן, זיי ווערן
ווי פון מעכטיקן פּראָפּעלער,
איין רירעוודיקע, שווינגענדיקע גאַנצקייט.
אָט דוכט זיך אַלץ איז שטיין געבליבן,
ווי שוים צונויפגעקלאַפּט פון שטורעם —
און ווערט, און מאָס, און פורעם.
נאָר גראָד אָט־דער אילוזיע־שטילשטאַנד
איז וואָר פון שנעלסטן גאַנג!
לעבן הויבט זיך, לעבן שטייגט, ביז...
עס פאַלט אַריין אין רחבותדיקן אָרביט
פון פולסירנדיקן שטוים.
שווער איז איינצל־גאַנג פון וואַנדערער און **ציל:**
אויף לעבנס זיגזאַג־וועג,
ווערן שווער די טריט, די רגעס און די טעג —
פון גרויען שפּין־געוועב אַ פאַלשע טרייסט
האָט אפשר איינזאַם־גייער אויסגעוועבט —
אָבער קיינמאָל, קיינמאָל ניט געלעבט!

הימל ברענט

הימל ברענט . . .
פלאַמען־קנוילן,
פלאַמען־פאַסן,
ווי הייסע לאַוועס פליסט אין ים פון בלוי,
פלאַנטערס, צונטערס אין שטאָליק־גרוי...
איך שטיי און בעט זיך:
„אויגן מיינע... נעמט אויף די פּראַכט!
האַרץ מיינס... נעם אָט־דעם וואונדער מיט!"
איך זע: פון אַלע זייטן —
הענט... הענט... הענט —
ווייס — שוואַרץ — געל — רויט —
ווי פליגל אויסגעשפּרייט...
האַנט צו האַנט,
לייגן בריקן איבער בראַנד,
שטיקן... שטיקן... שטיקן —
ביז ס'בלייבט אַ שטיל געמיש
פון רויכן אַלערליי מיט רעשט פון פלאַמען־שפּריי:
אינדזלען... שטיקער, בראַנדיק־ברוך
אין ים פון נאַכט!
און באַלד שוין אויך ניטאָ...
פאַרגאַנגען!
דאָרט און דאָ, ווי פון בעזים־ווינט,
פאַרשאַרט אויף גאַנגען,
רעשטלעך אַש־גלי פון גוססדיקן טאָג!

— — — — — — — — — — — —

נאָר אפשר האָט אין וועלט־אַל
אַ שרפה ווער צעצונדן ?!
איך זע באַנדאַזשן פאַרביקע
פאַסן רויט און פּורפּור, געל און גרוי —
זאָל זיין אַזוי ?!

און אפשר פאַרגייט דאָרט ערגעצוואו
אַן אָפּגעלעבטע וועלט
אין לאַבאָראַטאָריע פון צייט...
און כ'זע דעם אָפּגלאַנץ פון פאַרגיין?!

איך רייס מיין בליק ניט אָפּ פון הויכער ווייט —
מיינע אייגן ערדישע פאַרנומען האָבן וואונדער,
מיין האַרץ ביז ברעגן פול מיט פרייד און שרעק
דערמאָנט האָט עס אַן **בראַנד פון צינדער,**
וואָס לויערט אין טונקלקייט
אויף לעבנס־וועג!

דער ריטם פון וועלט

(די פאָלקס־באַרן)

איך הער געזאַנג וואָס קומט פון טיפן האַרצן,
אַ וויי־געשריי... אַ ליד פון שלום-טויב,
געזאַנג, ווי בלויער הימל איבער אָפּגרונט שוואַרצן,
קלינגט אָפּ אין מיר מיט דאַנק צו אייך, מיט לויב!

ווען שלאַנגען־קעפּ עס הויבן זיך איצט ווידער,
עס שטורעמט טראָץ און קראַפט אין אייער קול:
דער צאָרן־רוף פון אונזערע געטאָ-ברידער
איז פריש און מאָנענדיק, ווי אינעם גרוילעכן אַמאָל!

איך הער געזאַנג פון לויטערע קאַיאָרן,
זיס איז פאָרגעפיל פון גרויסן שלום-שטוים,
אין אייער פאָלקס־שטימע איך הער אַ לייט-מאָטיוו אַ קלאָרן,
דעם ריטם פון אַ וועלט וואָס גייט פאָראויס!

אויף שיידוועגן פון צייט

ווידער שטייט דאָס פאָלק אויף שיידוועגן פונצייט;
ווידער גרייט איז עס מיט לייב און לעבן, שטראָם פון האַס פאַרהאַלטן.
דאָס אַלטע יאָר שוין איינגעפּאַקט ביים שוועל פון אייביקייט,
נאָך איידער עס האָט צייט געהאַט זיין צוזאָג האַלטן.

ס'האָט מערדער־שאָס דורך לייב פון פּרעזידענט־מאַרטירער,
געצילט אין האַרץ און גוף פון אונזער גרויסן לאַנד —
שטייען קינדער און אַלמנות פון אַלע רעכט־און־יושר פירער
מיט פאָלק אין טרויער און בינדן וואונד פון וויי און שאַנד!

ביז סאַמע האַלדז דער כוואַליע־פלייץ פון מאָרד און צאָרן —
ס'טאָר איצט קיין זאַך ניט אַמפּערן דעם צער־געפּרואוטן דור;
לעבנס אויסגעלאָשענע, ווי פאַקעלן אין גרוי־פאַרנעפּלטע קאַיאָרן
וואָרענען פון קברים: „פאַרלאָזט ניט אויף באַראָט דעם נייעם יאָר!"

אַראָפּלאָזן די הענט אין קלאָג און יאוש... ניט גענוג!...
ס'טראָגט יעדערער אין בלוט־שטראָם זיינעם טיילעכל פון שולד...
מיט סם פון ברודער־מאָרד, ביז ברעגן פול איז קרוג
און מיאוס־גיפטיק איז די פרעכע גלייכגילט און געדולד!

אין ווירבל־דריי עס ראַנגלט זיך אַ פאָלק פאַר לעבן,
דעם אַלטן יאָר גייט נאָך אַ סליאַד מאַרטירער־בלוט...
איז גוט אַ נייעם, יונגן יאָר אַ ברייטן שלום געבן
און טעג זיינע, ווי לאָגלען, אָנפילן מיט ליבשאַפט, טרייסט און מוט.

דעצעמבער, 1964

זיין צוואה

צום אָנדענק פון דזשאָן פ. קענעדי

ניט פרעג אין קריזיס טעג וואָס לאַנד קאָן טאָן פאַר דיר—
זיי גרייט צו וואַכן איבער וואוילזיין פון דיין פאָלק און לאַנד:
ווען שכן דיינער טוט מיט פינגער ניט קיין ריר,
קום אים צוהילף און פיר אים ביי דער האַנט!

בלויז קורצזיכטיקער בליק פאַרפעלט צו זען אַ פריינט,
פאַר אַזאַ איינעם איז די וועלט אַ גרויסער פלאָנטער,
אַ ווייטזיכטיקער קוקט אַריבער קאָפּ פון היינט —
איז שטענדיק גרייט — ברענגט צום לעבן נעענטער.

פון אַלע לענדער ליבער איז דאָס אייגן לאַנד —
מאַך עס זיכער ווי דער וואָרעם שוים פון מאַמען.
געדענק — ביסט שכנ׳ס היטער... צי אים אַ ברודער־האַנט,
ס׳איז פריילעכער צו בויען און ליב האָבן צוזאַמען.

פרעג ניט וואָס דאָס לאַנד קען טאָן פאַר דיר אין שווערע טעג,
ביזט דאָך אַליין דער מאָרגן — ביזט דאָך פאָלק און לאַנד,
שאַר־אָפּ אָן שרעק די שטיינער אויף דיין שלום־וועג,
ווייל אויסדויער פון פיאָנערן־דורות ליגן אין דיין האַנט!

ווער איז פרעמד?

ווער עס שענקט זיין לאַנד אַ טרער פון צער און פרייד,
ווער עס האָט פאַר כבוד פונעם לאַנד די נאָענטסטע אין ערד פאַרזייט,
געגעבן אים זיין קינד, זיין מי, זיין שוויים —
דער ווייסט... אַז נאָענט און אייגן ווי אויף לייב דאָס העמד
איז אים דאָס לאַנד... **ער איז** ניט פרעמד!

ווער עס שענקט זיין לאַנד דעם זאַפט פון שווערע טעג,
ווער ס׳טראָגט דעם שוואַכן ברודער הילף און טרייסט אין וועג,
דער בויער, פויער, שטאָל-גיסער און שמידער;
דער פאָעט מיט זיינע לידער —
דער ווייסט... ער טראָגט פאַראוים לאַנד׳ס פאָן פון וואוילזיין,
פון וואָר און שלום,
פאַר שלום אויף דער וועלט!

בלויז דער איז לאַנד זיינעם אויף אייביק פרעמד,
ווער ס׳האַלט דאָס פאָלק אין פויסט פאַרקלעמט,
ווער עס זויגט דעם קליאָק פון זיין געביין
און יוירט פון בלוט און פיין זיין וויין...
בלויז דער וואָס טראָגט פאַר וועלט אַ העליש פלאָם
פון אומקום פאַר׳ן מענטשן-שטאָם —
בלויז ער, וואָס האָט זיין לאַנד פאַרמיאוסט און פאַרשעמט —
ער איז פרעמד!

רעטעניש

וואָס איז טאָג ?
וואָס זײַנען יאָרן אין אַזאַ וואונדערפולן לעבן ?
וואָס איז אַ ציפער אויפן קאַלענדאַר אין רויט ?
אַז פאַר די אויגן
איז אומענדלעכקייט מיט זונען אויסגעשפרייט,
אַז ס׳ווערן וועלט־געוועבן
ליכטיקער ווי טרוימען אויסגעשפונען —
אַז לעבן ווערט אויפסניי אין יעדן דור געבוירן ? !
די צייט האָט קלוג איר צוויבער־רעטעניש
צעזעגט מיט פײַנער זעג
און יאָרן — ברוך־שטיקער
צעוואָרפן אַן אַ סדר אויפן וועג,
צו אויספּרואוון געדולד,
צו מעסטן לעבנס־לוסט,
צו וועגן גלוסט צו אויפשטעלן אין פול
איר מאַגישן אוצר !
יאָר !
טאָג !
אויגנבליק — רירעוודיק־מאַגנעטישער באַשטאַנד
פון איר אָן־סוף׳יקייט,
פון איר געזעטיקטקייט,
פון איר אייביק־יווירענדיקן טייג
פאַר זון און ברויט !
יאָרן — גאָלדענע ירושה־בעכער
צו טראָגן אויסגעקלאָרטן נעקטאַר
פון פרייד און צער
מיט געהויבענע קעפּ
איבער דעקאַדן־טרעפּ
צום דור וואָס נעמט זיי איבער!...

נ י י - י אָ ר

אַ נייער יאָר
אין אַלטער וועלט
קומט אָן אין מיטן נאַכט;
אין היימען ווארעם און צעהעלט
אויף ליבן גאַסט מען וואַרט!

פויקט דער פויק,
גרילצט טרומייט...
קושן... וויין... געדרודער —
„ניי־יאָר גליק און שלום־פרייד,
ווי זיך האָב ליב דיין ברודער."

ס'רעדט די צונג,
ס'שווייגט דאָס האַרץ —
די שפּיל איז באַלד פאַריבער,
די אָרעמקייט, ווי כמאַרע שוואַרץ,
איז גאַסט אין פילע שטיבער.

איין־איינציק נאַכט,
איין־איינציק טאָג
קוים אָפּגעשפּאָרט פון טעג —
פּעק פון נויט און זאָרג אויף וואָג,
ווי שטיינער אויפן וועג.

אַ נייער יאָר,
אַ יונגער יאָר
קומט צו אַ יונגער וועלט,
ער פירט פון מיטנאַכט צו קאַיאָר
מיט זונען אויפגעהעלט.

וואַכט זיין אויג,
זינגט זיין קול:
„גוט־מאָרגן, וועלט־באַגין,
כ'לייג פרייד און שלום אויף דיין שאָל
און טעג פון מי און זין!"

וויפיל ערשטע מאַיען?

וויפיל „פערטע יול'ן", וויפיל „ערשטע מאַיען"
דאַרפן פעלקער האָבן זיך פון שלעכטס באַפרייען?

צענדליקער „אָקטאָבערס" מיט פרילינגען אויף אָקסלען
שפּאַנען איבער חורבות, ס'זאָל נײַ לעבן וואַקסן.

עס שטאַרבן מאַמעס, טאַטעס, פּאַר קיום פונעם קינד,
זיי שטעמפּלען פרייהייט-דאַטעס מיט בלוט און ניט מיט טינט!

רויטער רייז גייט אויף ווי סם אויף וויעטנאַמער פעלדער,
אין ווילד-וואַלד ברענט נאַפּאַלם-פלאַם די האָפענונג פון וועלט.

די קאָנגאָ קרעכצט פון פרעמדן יאָך, ווי האָרב אויף שוואַרצן קאַרק...
און וואו עס קומט אַ פרייהייט-טראַט, וואַקסט אויף אַ פייער-באַרג.

מאַרד איז פּרייז פּאַר מענטשלעכקייט אין סעלמאַ אַלאַבאַמע,
קרבנות-קדושים: קינדער, יוגנט, אַ מאַרטירער-מאַמע!

אָ, וויפיל טרערן מאַמישע און שרעק און נאַכט-קאָשמאַרן,
ווען ס'לויערט אומעטום דער סם פון האַס און קריג-געפאַרן.

מעדאַלן, לויב און בלומען-קראַנצן... מעמאָריאַל-טעג!
באַווייזט זיך וואו אַ פרילינג-שוואַלב, מען טויט זי אויפן וועג.

וויפיל „פערטע יול'ן", וויפיל „ערשטע מאַיען"
ביז מענטש וועט פונעם ברודער-מאַרד די גאַנצע וועלט באַפרייען!

די האַנט וואָס וויגט דאָס קינד אין וויג

קריג ?
מאָרגן... איבערמאָרגן... שוין ...
צוריק אין פינצטערניש פון היילן,
צוריק צו ווילדקייטן פון אוראַלטע צייטן —
זאָל מענטש פון מענטש זיך אויסבאַהאַלטן
אין שפּאַלט פון ערד,
אין האַרץ פון שטיין!

אין אָרעמס פון געליבטן ציטערט כלה :
„ניין... עס טאָר ניט זיין... ס'איז זינד...
מיין מוטער־לייב אַ קבר לעבעדיקער פאַר מיין קינד !
אין יעדן קיילעך בלוט,
אין יעדן זאָמען, צעל פון הויט... איינגעבויט
חלק טויט... טראָפּן סם...
קריפּלונג פאַר וואָרצל פון מיין שטאָם...
געליבטער מיינער!
סם און זאַפט פון אונדזער זיסטן אָנהויב ! "

טויב איז אויער'ל פון קינד אין וויג
צום קריג־שגעון פון אַרום —
עס וואָרקעט ווי אַ טויב דער מענטש אין ווערן,
ווי אַ בלום עס וויקלט זיך פאַנאַנדער
נעבן מאַמעס ברוסט,
איר זיסער זאַפט, קראַפט, ליבשאַפט,
אין אירע אויגן שטילע — תפילה...
הענט און פיסלעך ווי פייגעלעך געפּענטעטע
רייסן זיך צום לעבן פון וויג אַרויס!

אויף גאַס, אויף סקווער — אַ מאַמע שפּאַנט,
קינד אין אָרעמס, קינד ביים האַנט,
די שוואַכע גיבורטע — אָנהויב פון אַ וועלט,
האָט זיך אויף שלום־פראָנט געשטעלט,
פאַר אומשולדיק־פּאַראורטיילטן עופהלע אין וויג —
קריג דעם קריג!

ראַטעווען גייט מאַמע —
ליכט פון טאָג,
טוי פון באַגין,
ריינקייט פון זעפיר —
דעם מענטש אַליין,
די ערד פון אַלץ אויף איר
פון וואַנזין — אָנפאַל,
פון אַטאָם פּלאָג!

דער היינט שיקט מאָרגן זיין טויטלעכן ירושה־גרוס:
קריפּלונג, אומגליקן אין פורעמס אַלערליי,
אין טראָפּן מילך, אין שאָלעכץ פונעם איי,
אין וואָרצל פונעם בוים, אין יאָדער פון דעם נוס,
אין קערנדל זאַמד, אין טראָפּן פונעם —
אַטאָם־סאַם!

אַ מאַמע טראָגט איר האַרץ, ווי אויף אַ טאַץ,
פון וואַשינגטאָן צו מאָסקווע
מיט ליכטיקן שטורקאַץ זי יאָגט
דעם חושך פון גריבער און שפּאַלטן —
דער מענטש, איר באַשאַף, וועט זיך ניט באַהאַלטן —
ווייל האַנט וואָס וויגט דאָס קינד אין וויג
וועט אָפּשטעלן דעם קריג!

אָקטאָבער טעג

אין מיין טאַטנס גאָרטן איז אַ נס געשען —
אין כמורנעס, קאַלטן הארבסט אַ בוים האָט זיך צעבלומט!
אַזוינס האָט קיינער נאָך אין שטעטל ניט געזען
און ס'איז פאַרבליבן... אַז משיח קומט!

אַ נס אַ גרעסערער געשען איז אין אָקטאָבער־טעג —
אַ פאָלק האָט זיך צעפרילינגט און צעשיינט,
אַ לאַנד האָט זיך פאַרקערעוועט פון אַלטן וועג
און איינגעפלאַנצט דעם מאָרגן אינעם היינט!

אַ נייער שטייגער, נייע טייכן, ים'ען... וויסטעס בליען...
אין העכסטע הויכן אַרום ערד אַן ערשטלינג—אַסטראָנאַט.
מענטש פאַר מענטש האָט אויפגעהערט צו קניען —
אַ פאָלק האָט מענטשלעכקייט געמאַכט פאַר אַ געבאָט.

אַ פאָלק געבראָכן האָט דורך וויסן אַלטע כללים —
געזייט, געבליט, געשניטן דורך שטורעמס ווינטער־לאַנג...
אַ לעבן אויסגעפלאַנצט פאַר זעט און שלום
און איז צו אים אַוועק מיט אימפעט און געזאַנג!

אַ פאָלק האָט קלוגינקע נאַטור ביים האַנט גענומען,
מיט איר אַ גלייכן שותפות איינגעשטעלט...
„זאָל זיין, אַז ס'איז משיח שוין געקומען?"—
אַזוינס האָט קיינמאָל ניט געזען די אַלטע וועלט!

אָקטאָבער־טעג איצט בליען אין אַלע צייטן־יאָר —
פעלקער־פרילינג ביז ראַנד געלאָדן מיט זון און שטורעמס,
אַ פאָלק האָט מיט זיין אייגן נס דערלייזט אַ דור
און פאַר דער גאָרער וועלט פאַרטראַכט אַ נייעם פורעם!

שלום־דעמער — „מיר״*

ראַטנלאַנד — געוואַגטער טשעמפּיאָן פון וועלט
האָט אייגן מאָס און שטייגער איינגעשטעלט;
אין גלי פון קאַמף, אין שטורעם און געוויטער,
אין שווערער צווייפל־שעה — זיין ברודער׳ס היטער!

דאָרט וואו ס׳גראַמט זיך פרייד פון שלום און פון וועלט,
ווערט זון פון גלויבן דורך כמאַרעס דורכגעהעלט.
עס ווילט זיך אויסדויער, געדולד מיט צוטרוי בענטשן,
ווען עס פלאַטערט ווי אַ פאָן דער חוב צום מענטשן.

ווען עס רייסט זיך וועלט צו ווייטע שטערן,
מוז גרינער טיש אַ שלאַכטפעלד ווערן;
ברומען ווי די לייבן דאַרפן לעמער
אין בין־השמשות ליכט פון שלום־דעמער.

---

*) „מיר״ אין רוסיש מיינט שלום און וועלט.

זאָלן בלומען בליִען אומעטום

זאָלן בלומען בליִען אומעטום,
געכאָוועט און געניערט פון נעכטנ׳ס טרוימען,
מיט אייגן שניט און פאַרב זאָל בליִען יעדע בלום,
מיט וואָרצל אין דער ערד און בליק צו רוימען.

ווילדגראָז וועדט פון ווילדן ווינט פאַרזייט.
אויסגעפּרואווט ווערט פלאַנץ אין פרילינג-קעלט—
ס׳האָט דער יונגער היינט אין פריר פון בייט
אויפהאַלטן פּרוּאוו מיט כבוד פאַר דער וועלט!

מיט אייגן גוף זיין שפּראָץ ער האָט פאַרהיט,
מיט אייגן אָטעם זיך דערהאַלטן ביי דעם לעבן—
שטייט אַ בלומען-גאָרטן אין דער זון צעבליט,
גרייט דעם מענטשן רייפע פירות געבן.

זאָלן בלומען בליִען אויף דער ערד,
יעדער מיט איר שניט און פאַרב-געמיש
און יעדער מענטש וואָס איז זיין נאָמען ווערט
זאָלן היטן, פלעגן יעדע בלום פאַר יום-טוב טיש.

לעמעלעך און לייבן

זאָלסט זיך מער ניט וואונדערן,
אַלצדינג קענסטו גלויבן —
עס ווערט מקוים נביא׳ס חלום
פון לעמעלעך און לייבן.

מענטש האָט וועלט געביטן,
וועט ער זיך אויך בייטן —
שטראָם בלייבט ניט שטיין אינמיטן
אין זיין גאַנג דעם ווייטן.

הימל מער ניט גרעניץ־ראַנד,
ים אַ היים קען ווערן,
ווען מענטש האָט שליסל־בונט אין האַנט
קען קיינער אים ניט שטערן!

מיט שייערן פון ברויט און וויין
דער מענטש וועט שלעכטס פאַרטרייבן —
מקוים וועט נבואה זיין,
פון לעמעלעך און לייבן!

שטערן אין די אויגן, זונען אין האַרצן

ווערט אַ קינד געבוירן
ציילט מען טעג און יאָרן,
גליקלעך מעסט מען וואוקס
מיט ציטער און מיט פרייד.
ווערט אַ וועלט געבוירן,
שילט מען אירע יאָרן,
מיט קנאה־שנאה ביטערער ווי גאַל,
טויטלעכער ווי ראַדיום־שטראַל.

פון שלאַנגען־גיפט, ווי פון קראָפּיווע צעברית,
פון אַש און פלאַם צו טעג ווי מאַי צעבליט
איז ראַטנלאַנד אַרויס פאַרהאַרטעוועט אין גאַנג
מיט זיג־געזאַנג..
אַ גאַנצן דור אַ הויב־געטאַן
אויף פליגל זיכערע דורך רעגנבויגן,
מיט זון אין האַרצן,
מיט שטערן אין די אויגן!

ערשטע שטיבל, ערשטע גריבל, ערשטער פונדאַמענט.
ערשטער סליאַד אויף נייעם שליאַך.
אין טאַנצנדיקע הענט — האַרמאָניע פון ליד,
אין מאַשינען־ברום אַ יוגנטלעכער לאַך,
זינגען זעגן, האַמער־קלעפּ,
נייע שטעט אין אַלטן סטעפּ,
יובלט בתולהדיקער באָדן,
אויף נייעם ים אַ שיף מיט פרייד געלאָדן.

ווערט אַ נייע וועלט געבוירן,
ווי די פּערל ציילט מען יאָרן.
אויף איר וואוקס עס וואַרט אַ דור
פאַר לאַנג־געחלומטן קאַיאָר.
זאַלץ און ברויט פאַר יעדן גאַסט,
אין עקן וועלט מען ליבט און האַסט,
פון עקן־וועלט מען קומט און וואונדערט —
אויסגעקיילעכט ווערט שוין באַלד אַ האַלב יאָרהונדערט!

קאָסמאָנאַט יורי גאַגאַרין

טרערן... הייסע, זיסע טרערן...
צוגאַסט ביי זון און שטערן —
ערשטלינג רוים־מענטש פון ערשטלינג ראַטנלאַנד!
די ראַדיאָ שפּינט אַ וואונדער־פאָדים:
בן־אָדם — קאָסמאָנאַט!
שליח־שלום צו אומרואיקער וועלט,
צו חלום פון ניט־געבוירענע אין פאַרליבטע אויגן!
אין הארצן טויבן וואָרקען,
אין בלוטן פלאַטערט פליען,
האָפענונגען בליען...

יורי גאַגאַרין — סטאַלער׳ס זון — מענטשנ׳ס קרוין!
שונא און פריינט יובלען היינט...
איין פלי אַרום ערד
צווישן וועלטן און שטערן, האָט לעבן באַזינט:
שכל איבער מאַכט!
ניט עס ווערט אַנדערש — **עס איז!**
זיג אַן שלאַכטפעלד, אָן בלוט,
אָן יתום, אָן אַלמנה —
זיג פון וויסן, מי און מוט!

יורי גאַגאַרין — ערשטע שוואַלב...
איין שעה־און־האַלב האָט **מענטש דערהויבן,**
מענטשהייט דערפרייט...
מיין געגעבן:
פען אויף צייכן ברעט,
וואָרט פון פּאָעט,
זיסקייט פון מי,
לאָגיק פון לעבן
פאַר רו און גליק אומעטום!

יורי גאַגאַרין — וועלט׳ס וואונדערקינד —
איז גאָגאַ אַצינד.
אַ נאָמען פון פאָלקישער ליבשאַפט געקנאָטן,
פון פרייד־פולע קוואַלן ארויסגעקוועלט...
מאַמיש־ווייך און צאַרט איז קלאַנג,
ווי פון אַ מעשה־העלד אין פאָלקס־געזאַנג!
יורי . . . גאַגאַרין . . . גאַגאַ —
קאָלומבוס פון וועלט׳ס אַסטראָנאַטן,
זעט ליכטיקע זעאונג
אין טונקעלע הימלען:
אַ פינטעלע ערד — די גרויס פון אַ נוס —
אַ פראַכטפולע גאַנצקייט... אָן שפּאַלטן, אָן ריסן...
אַ טרייסט־גרוס דעם צערודערטן דור!
ראַטנלאַנד׳ס רוים־בכור
ברענגט זשמעניעס מיט שטערן,
בינטלעך מיט שטראַלן,
סודות פון זונען און וועלטן
פאַר פאָלקס־קאַרניוואַלן
אויף גאַסן און סקווערן,
אויף ימ׳ען און טייכן —
אַזוינס, וואָס זיין גלייכן האָט וועלט ניט געזען!

— — — — — — — —

יורי גאַגאַרין — שליח פון שלום,
גלויבער אין מענטשן, אין וויסן און חלום,
איז אין הימלען געוועזן און געזען און געזיגט!

דעם 13טן אַפּריל, 1961

אָדלערלעך

העי, אָדלערלעך, אָדלערלעך,
קינדער פון ערד,
אייך איז צו הערשן
אָן שלאַכטן באַשערט.

אָן ביקסן, אָן באָמבעס,
באַהערשן די רוימען,
דערגיין נאַטור'ס חכמה
פון אָפּשאַפן צוימען.

דערוויסן איר וועט זיך
דעם גרויסן סוד,
וואָס האַלטן איין וועלטן
אין אָרבּיט־ראָד.

דערגיין וועט איר וואונדער
פון שטערן מיליאָנען
צוזאַמען . . . באַזונדער,
אָן טענות, אָן מאָנען . . .

אָדלערלעך, טייערע,
שילוחים אין ספערן,
היט אָפּ, ס'זאָל קיין אומגליק
די וועלט ניט צעשטערן.

עול פון לעבן

פאַר אַלטע פּלייצעס שווער איז עול פון לעבן,
נאָך שווערער איז פאַר יונגע, האַרב פון אַלטן שטייגער:
אַ שריט, אַ שפּאַן, אַ שפּרונג — אַ פּליק אין צייט געוועבן —
טומלעניש און ביטערער געיאָמער צווישן לאַטע-לייגער!

בלינד-שטומע וועלט איז זע־און רעדעוודיק געוואָרן.
אַן איינגעהויקערטע, זי האָט דערפילט איצט שמשון׳ס גבורה.
אַן עמוד האש — איר דורותדיק-צעפלאַמטער צאָרן,
אויף שליאַכן אָפענע דערלייזונג-בשורה.

ביים ראַנד פון תהום דער וועג איז שמאָל.
געוויכט פון גאָלד און אויל צום אָפּגרונט שלעפּט.
עס האָט אויף לינקס אַ נויג געטאָן זיך יושר־שאָל,
ווערן כמאַרעס פון זון-ליכט אויסגעוועפּט.

אין קליידער קאַרגע, מיט באָרוועסע, צעוואונדעוועטע פיס,
איילן זיך די פעלקער צום מאָרגן לאַנג־געטרוימטן.
ס׳איז יעדער שפּאַן און טראָט אין פוילעניש אַ ריס,
אַ בראָך אין פעסטונג־שלאָס מיט בליי און פלאַם פאַרצוימטן.

די יורשים פון דעם גייסט פון אַלטע גייער,
מיט שוואונג איצט האַמערן אין אויפבראויז־פלאַם אַ נייעם פורעם,
אַ טויט-אורטייל מיט אייגן בלוט פאַר די מלחמה-זייער
פאַרקריצן אומעטום די קינדער פונעם שטורעם.

און זייַנען רייד דערוויל ניט אויסגעטאָקט ווי איידל־שטיינער,
און זייַנען טואונגען ניט אויסגעזווירעט לויט געטרייעם פּלאַן...
אין האַרץ און בלוט דערפילט האָט יעדער איינער
צו גרינע פעלדער עס גענענטערט יעדער שפּאַן!

די מאַפּע פון דער ערד

אַלטער שטייגער שטאַרבט.
צעווירעט און צעפּאַרבט אויפסניי
ווערט מאַפּע פון דער ערד:
ווי בעלמעס אויף אויגן
פּליאַמעס שקלאַפעריי
אויף ספּעקטער־פּאַן פון רעגנבויגן.

אויף לייב פון וועלט
שטאַמפּ־וואונדן פון פרעמדן דרוק —
יאַטערדיקע בראַנד־פלעקן
וואַרטן אויף לאַנצעט און פעסטער האַנט
אויף „שוואַרצן קאָנטינענט"
און אַנדערשוואו.

לאַנד נאָך לאַנד בליט, העלט,
ווי אויף מיסט אַ פרילינג־קווייט.
מענטש גייט מיט העלדנמוט —
מיט פאַרב פון זון און בלוט
פאַרמעקן מיאוסע אַמאָלן —
צעווירען און באַמאָלן אויפדאָסניי
די מאַפּע פון באַיונגטער ערד,
וואָס קאָן ניט שטאַרבן.

פעלקער ערשט-געבוירענע

אַ יאָר... אַ דור... אַ שפּאַן —
עס ווינקט דער ווייטער, לויכטנדיקער ברעג:
ווערן נעכטנס צעפּוילטע
פון שווייגן און טרערן —
טריט-שטיינער אויפן וועג!

פעלקער אויפגעריכטע
שטייגן, שטייגן,
ווי איבער טרעפּ
איבער דעם וואונדער פון אונזער יאָרהונדערט.

אויף מיסט-קופּע
פון זעלבסט-געקרוינטע קעפּ,
פלאַנצן טאַטע-מאַמע
(גלוויביקע, בונט-הויטיקע)
פרייע טעג פאַר פרייע קינדער,
ניי-קלינגענדיקע נאָמען
פאַר זיך-געזאַנגען!

מיט אויפריים און געפאַר,
דראָעט יעדער טראָט,
יעדער שטוים פאָראויס
צום גרעניץ-שוועל!

און פעלקער שטייגן, שטייגן
מיט חשיבותדיקע, שטאָלצע קעפּ,
ווי איבער טרעפּ!
נייע ווינטן טאַנצן פריילעכע דורך נייע פאָנען
אויף פּאַלאַץ פון נאַציאָנען...

שאַלן שפּראַכן אומבאַקאַנטע,
פיבערט קראַפט נאָך-ניט-געאַנטע,
מענטשן-ווירדע ליכטיקט אין שטעל און מאַנערן —
ערשט-געבוירענע פעלקער אין יום-טוב פון ווערן!

מיר זיינען דאָ!

געלויבט זאָל זיין די צייט וואָס שטייט ניט שטיל,
דער מענטש וואָס נעמט זי אויף אין גאַנג,
דער דיכטער וואָס באַגריסט זי מיט אַ נייעם סטיל,
דער קינסטלער מיט באַנייטן פאַרבן־קלאַנג.

געלויבט זאָל זיין דער טרעגער פון איר פאָן,
דער צאַמען־ברעכער, בויער, בריקן־לייגער —
ער שטעלט זיין לעבן איין אין קאָן
פאַר פולע יושר־טעג פון נייעם שטייגער.

אָט דוכט זיך נעכטן: ס'האָט פרומע באָסטאָן צווי פאַרברענט —
סאַקאָ און וואַנזעטי — געטרייע, אָרנטלעכע פירער;
און אָט פאַר'יתומ'טע מיט פאַרבראָכענע הענט
מיר שטייען איבער קבר דאָפּלטן פון ראָזענבערג־מאַרטירער...

ס'פאַרגעסט ניט צייט די טרייסטע אין איר גאַנג —
קרבנות אירע רייפן, ווי זוימען אין דער ערד
און מיטאַמאָל אַ מאָנענדיקער, שאַרפער קלאַנג
פון העלדן־קברים ווערט דערהערט:

„אַצינד איז יעדער טאָג אַ פריש־באַטויטע רויז,
אפילו בלינדע הויבן אָן צו זען,
ס'האָט צייט, ווי מאַמע, אונז געטראָגן אין איר שוים —
מיר זיינען דאָ... און אַלעמאָל געווען!

פאַרמערט ווי זאַמדביים וואַסער־ברעג,
ניטאָ שוין מער קיין טויט וואָס קאָן אונז שרעקן —
עס זיינען אונזערע די שעה'ען און די טעג...
מיר זיינען דאָ פון הינערפלעט געוויסן וועקן."

הערט באָסטאָן, הערט ניו־יאָרק, די שטעט און שטעטלעך פונעם לאַנד,
ווי שניי־באָל גרעסער, האַרטער ווערט יעדעס וואָרט,
מיט שפּיזן־פינגער טייטלט געשפענסט פון גרויסער שאַנד
און צייט? זי גייט... זי קומט... זי שטייט ניט אויף איין אָרט.

טאַקאָ און וואַנזעטי

יענע נאַכט...
יענע הילפלאָז־שווערע נאַכט ביים טורמע־טויער!
אויער ווי סיסמאָגראַף אָנגעשטעלט...
עס וואַכט אַ שטאָט,
עס וואַכט אַ לאַנד,
עס וואַכט אַ וועלט:
מיט הענט פאַרבראָכענע אין פעסטן קלאַמער
שטייען טויזנטער —
דאָרט אין טויטן־קאַמער,
הינטער אייזן־גראַטעס ווערן קדושים אַ קרבן געבראַכט
אויף מזבח פון מאַכט.
אַרום טורמע־ווענט
ים — געביילטע הענט.
שטילקייט, שטילער ווי טויט —
פאַרגליווערט איז אָטעם פון גאַס:
אין פלאַם פון האַס ברענען תלינים פלייש און ביין.
נאַראָנים בלינדע זעען ניט —
דורך אייזן, דורך שטיין
פלאַטערן, ווי ווייסע טויבן נשמות צוויי...
געלייטערט און באַפרייט
אין קדושים־טויט...
זיי טוקן זיך, נויגן זיך
איבער גאַס,
איבער שטאָט,
איבער גאַר דער וועלט —
מתנות טראָגן זיי —
פאַר יעדן אָבל, אַ חלק ירושה —
פאַר יעדער פרייהייט־שבועה —
פונק פון זייער לעבן;
פאַר יעדן יושר־פריינט —
אַ וואָרט—אַ דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט;
פאַר יעדן גלויביקן —
קאַיאָר פון פרייע טעג!

יאָרן... יאָרן — קאַמף־געלאַדענע פאַרביי:
בלוט און בליי און אַטאָם־שרעק...
נעמען יורשים פונק אין וועג —
ווערן פלעמלעך,
ווערן פלאַמען,
ווערט צעשמאָלצן פינצטערער אַמאָל
אין בויגעוודיק־געקלערטן שטאָל פון פרייהייט־ווילן,
פון יושר־וועלט.
סאַקאָ און וואַנזעטי — פאַרלאָשענע שטערן,
ליכטיקן און פירן היינט:
אַן אַנדער קול, אַן אַנדער גוף,
אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער רוף —
דער זעלבער מוט!
שווערן שונאים פאַר אייביקע גייער,
צוואה־טרעגער פון קדושים —
פאַר יורשים פון סאַקאָ און וואַנזעטי,
פון דזשוליוס און עטל,
פון לאָמומבאַס פון גאָר דער ערד —
פאַר די וואָס לעבן נאָכן טויט,
פאַר די וואָס ברענען און ווערן ניט פאַרברענט.

אין שטורעם-וואַסערן פון צייט

(צום צענטן יאָרצייט פון די ראָזענבערגס)

אין שטורעם-וואַסערן פון צייט
איז שווער צו זען דעם גרונט —
ס'איז שווער צו אויסשניידן די וואונד,
וואָס פרעסט געדערים פונעם לאַנד.

אין מוטנעם פלייץ פון טעג,
מ'קאָן איצט הערן צוויי שטימעס, יונג-דערוואָרגענע,
צוויי קדושים קויל-פאַר'שרפה'טע,
ווי שטערן ליכטיקן פאַר אונז אויף שווערן וועג.

פון ערד און ערדישקייט, דורך מאָרד, באַפרייט
זיי זיינען איבער צייט,
זיי זיינען אומעטום...
שטאָלץ און אומגעזען... מיטגייער אין מוטיקע געפעכטן...
זיי... ביים זייט פון די גערעכטע,
ביי מאַרטאָנס* קראַנקן בעט צווישן טורמע-ווענט,
ביים זייט פון וואַנדערער,
דורך טונקל פון לאַבירינט-טונעל צו זון!
פיר מאַרטירער הענט — ליכטיקע שטורקאַצן,
שפּראָצן פון די צווילינג-קברים —
איבער קעמפער קעפ פון צפון און פון דרום
פאַלן הייסע האַמער-קלעפּ
איבער קאַניבאַלן, איבער פאַרלייקענער פון יושר,
קדושים לעבן אינעם טויט!
שפּאַרט פון זיי, ווי פון אַן אויפגעשרויפטן שפּונט
אַ קוואַל פון לויטערקייט,
פון לעבן פאַרן לעבן...
צילן אויגן אויסגעלאָשענע, ווי שאַרפע פראָזשעקטאָרן,
איבער שאַנד-פלעקן פון לאַנד.

אין שטורעם־וואַסערן פון צייט
איז שווער צו זען דעם גרונט:
שיף־ברוך דאָרטן,
אָפּרים דאָ,
נאָר ס'קומט אַ שעה אין צייט־געיעג,
ווערט נייער ברעג,
ווערט האָפן פאַר דעם ווערט
פון מענטשנס זיין און ווערן.

---

*) מאַרטין סאָבעל — אומשולדיקער קרבן פון רעאַקציע.

לייטערס צו שטערן

מיר בויען לייטערס צו שטערן,
מיר בויערן טיפקייט פון ים'ען,
כדי אַ מענטש זאָל מענטשלעך ווערן,
כדי אַ מענטש זאָל שלום ניט פאַרזאַמען.

מיר גיבן טעג פון אונזער לעבן,
מיר וואַסערן מיט בלוט פון האַרץ דעם מאָרגן,
כדי אַ נייעם יאָר אין צייט פאַרוועבן,
כדי פון שוועל פאַריאָגן אומקום־זאָרגן.

מיר ווילן מילך און לופט פון סטראָנציום באַפרייען,
מיר ווילן רו און שלום זיכערן פאַר אַ יורש־דור,
כדי די צייט צערודערטע מיט האָפענונג דערפרייען,
כדי ניט ליידיק זיין זאָל וואונטש צום נייעם יאָר.

דעם אָנדענק פון צוויי...

די צייט אי אַ היילער,
די צייט איז אַ פאַרמעקער,
אַ יושר פאַרטיילער,
אוממידלעכער וועקער
פון מידן געוויסן אין וועלט.

ווער ס'וויל פאַרגעסן —
איך וויל דערמאָנען:
דזשוליוס, עטל — צעטראָטענע פאָנען
פון קעמפער, פון זוכער —
זיי רופן און רופן פון קברים אַרויס.

עס לויכטן ווי שטערן
פאַרברענטע מאַרטירער,
פאַר פרייהייט-שפּאַנער,
פאַר יושר-פירער
אויף שווערן און פיינפולן גאַנג.

ווער ס'וויל פאַרגעסן —
איך וויל דערמאָנען,
צו טראָגן די נעמען ווי פאָנען,
מיר האָבן אַ שבועה געגעבן —
ס'זאָל בלוט פון מאַרטירער אין אונז ווייטער לעבן.

אַ חלום

ערגעצוואו אין ווייטן, נאָענטן לאַנד,
ערגעצוואו אַ פעלד וואו קברים גרינען,
אין רעגנדיק־פאַרכמורעטן באַגינען
בין איך געשטאַנען —
ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי? צוליב וואָס?
אַליין אויף פרעמדן פעלד,
אַליין אין טויטער, גרינער וועלט?!
כ'האָב זיך דערפרייט מיט לעבעדיקן גראָז,
מיט ווייסן בלימל אויפן נאָענטן קבר...
מיין יעדער אבר האָט געקלאַמערט זיך אָן לעבן:
וואָס טו איך דאָ?
ווי קום איך דאָ?
געדאַנק מיט שנעלקייט פון ראַקעט,
גענישטערט האָט, געזוכט דעם מיין —
ווי קום איך אויפן טויטן־פעלד אַליין?!
אַ ליכטיק אויג דורך וואָלקן־גרוי...
אַ פּלאַמע הימל־בלוי,
אַ ווינטל פריינטלעכער האָט מיינע האָר פאַרגלעט...
און אַלץ כ'האָב ניט געקענט פאַרשטיין
וואוהין איך וועל פון דאַנען גיין?!
כ'וועל פויגל פרעגן:
„העי, דאָרט, זאָג וואו פירן גרינע שטעגן?"
קוים האָט דער קלאַנג פאַרלאָזט מיין מויל
באַפאַלן איז מיר מאָדנער גרויל:
„ס'איז ניט מיין קול...
ער קומט גאָר פון די קברים אינעם טאָל"...
אַ עכאָ, האַלב־פאַרשטיקטער פונעם הייליקן אָרט
צעהילכט האָט ווי אַ שופר יעדעם וואָרט...
פאַרפילפאַכט האָט ער אומשולדיקן פרעג:
„וואו פירט דער גרינער שטעג? וואוהין דער וועג?"

פון ווייטן כ'האָב דערזען די אַלטע וואַסער־מיל —
יונגע טעג צעפלאַטערט האָבן זיך אין שטיל...
ס'האָט עפּעס זיך אַ ריר געטאָן
אין מיין צערודערט זעל...
אָ, שוועל פון היים...
אָטעם פון טאַטע־מאַמען,
זיסע טעמ'ען פון וואַקסן און פון זיין...
פון קברים־פעלד אַליין
געלאָזט האָב איך זיך גיין
און באַלד... אַ לעבעדיקן פאַר די אויגן
האָט קריניק־שטעטעלע זיך אויסגעצויגן:
יענטעס וואַלד
וויריענס וואַלד,
שישלעוויצער גאַס פון שטעטלשן שפּאַציר...
פלאַנטאַנסקי... טאַטנס הויז...
ס'באַגריסן מיר די גאַרבאַרסקע און „קאַווקאַז",
די ביימער און דער סאַד,
סאָקאָלקער און פּאָטשטאָווע,
דער מאַרק מיט יעדער גאַס —
שפּיזן אין אַ ראָד,
די באָד־געסל, די בראָם, די קראָמען...
ס'איז דען פאַראַן אַ נאָמען
פאַר היים, וואו ס'איז דיין וויג געשטאַנען?!
כ'האָב פאַרשטאַנען...

— — — — — — — — —

דערפילט אַ צאַרטע האַנט, אַ וואַרעם גלעט —
„שטיי אויף... ס'איז שפּעט..."
חלום!... נעכטנס מאַנען... קברים גרינען...
און אַזאַ הערלעך־ליכטיקער באַגינען.

בלומען און טרערן

(ביים געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע, אַפּריל 1960)

פון אַלע גאַסן,
פון אַלע סקווערן,
פון יעדן לאַנד און קאָנטינענט
פּילגרימען קומען
מיט טרערן און בלומען
צום געטאָ־מאָנומענט,
צום הייליקן שטיין
באַקרוינט מיט מאַרטירער־שיין...
בלומען און טרערן־צווילינג
אין אָנדענק פון קדושים־פרילינג...

פּילגרימען גייען...
אין דרייען... אין צווייען....
טרויער און שטאָלץ אין געמאָסטענעם טראָט —
שטומע שערענגעס,
קראַנצן און סטענגעס
פאַרקריצן אויף אייביק
דעם העלדן־געבאָט:
אַ פאָלק מוז לעבן —
ניט פאַרגעסן,
ניט פאַרגעבן!

יונגע גייען . . .
אין דרייען . . . אין צווייען —
קינד פון קינד אין בלוטיקער געטאָ —
זיי זיינען דאָ!
אויגעלעך פייכטע,
טרערעלעך גלאַנצן . . .

קדושים־נשמות —
בלומען אין קראַנצן —
צום דענקמאָל פון געטאָ זיי טראָגן.
פוס אין פוס, האַנט אין האַנט
מיט שרייאיקער שטילקייט ווי סטרונע געשפּאַנט.

סאָלדאַטן גייען
אין פירן... אין צווייען;
ריטם פון פויקן — ערן־געזאַנג...
שטורעם אין הארצן,
שווייגן אין לופט!...
פון וואונדיקע טיפן עס רופט
אַ כליפּ, אַ פאַרשטיקטער,
אַ שפּליטער־געוויין —
מיליאָניקער ווייטאָג פאַרגליווערט אין שטיין.

אין יאָרצייט שעה
דאָס פאָלק איז דאָ —
פון יעדן לאַנד, פון יעדן קאָנטינענט
פּילגרימען קומען
פרילינג נאָך פרילינג
מיט צווילינג — טרערן און בלומען —
צו גרויסער הייליקייט פון דעם מאַרטירער מאָנומענט
מיט שבועה:
זאָל קיינמאָל ניט זיין מער קיין געטאָ־העלד
אין דערלייזטער, פאַרברידערטער וועלט!

פרילינג

מערדער פון מיין פאָלק,
איר האָט דערמאָרדעט פרייד פון פרילינג —
עס שמעקט די לופט אַפּריליג,
וועלט איז פול מיט אויפלעב־קלאַנג:
פויגלשער געזאַנג,
צעשפּראָץ, צעבלי,
עקשנות־דראַנג צו זיין...
אָן עופעלע אין וויגעלע
מיט אויגעלעך צום הימל,
אַ וואַסערל פון ווינטער־קלעם באַפרייט,
צווייגעלעך מיט פרישן גרין באַנייט,
אַ ווייך־צעאַקערטער, פאַרזייטער גאָרטן
און מענטש...
נאָר ס'מאָנט... דערמאָנט „דער דאָרטן"!
מערדער פון מיין פאָלק,
איר האָט פאַרראַטן מענטשלעכע געשטאַלט,
ווייל אילוזאַ קאָך
איז גרוויליק־גראַם פון אונזער בראָך,
ווייל אייער שוידער־שאָטן פאַלט
אויף יעדער פּיצל פרייד און טרייסט.
איר ווייסט: מען קעכלט אייך, מען זעצט אייך אויבן־אָן,
ווייל ווי אַ יחוס־פאָן
איר טראָגט די קין־שולד אָן שטראָף־פאַרדינטער!!
ברידער־קברים פריש־באַגרינטע,
בערג מיט אַש און מענטש־געביין,
הורבעס שיך און גאָלד פון ציין,
הויבן אויף די פרילינג־ערד מיט רוף —
עס מאָנט די שוידער־פרוכט פון טייוול־דור —
פאַרשפּילט ניט דעם קאַיאָר...
ניט קומען זאָל, חלילה, שעה... אונזער דאָרטן קען זיין דאָ!

מערדער פון מיין פאָלק,
איר האָט פאַרשטערט דעם פרילינג־גליק;
די שאָלעכצן פון יאָכן
שיילט אָפּ אַ וועלט;
פעלקער אויפגעריכטע, פראַווען יום־טוב אינדערוואָכן;
אין מאַמעס' אָרעמס לאַכן קינדער—
ס'איז צייט פון וואונדער־איבער־וואונדער,
מענטש אַ מענטשן מונטערט מיט זיין רוף:
„אָ, ברודער, שוועסטער, ביסט צעל וואָס בויט דעם גוף,
ביסט טראָפּעלע וואָס מאַכט דעם פלייץ פון רעגן,
ביסט בוים וואָס מאַכט דעם וואַלד,
ביסט זעמדעלע וואָס פורעמט ברעגן,
ביסט האַר און הייב־אַם פון נאַטור—
ראַם־אָפּ אויף אייביק שפּור
פון גרויל פון ברודער־מאָרד — דו האָסט דאָס וואָרט!
נעם צוריק דיין פרילינג, פרייד און גליק!"

ל י ד

פון יאוש און פון ביטערקייט צעפרעסן —
„זיין" און „ניט זיין", ווי דעמאָקלעס שווערד —
די וועלט טאָר קיינמאָל „ניט פאַרגעבן, ניט פאַרגעסן"
און קיינמאָל מער ניט זייען לעבנס אין דער ערד.

אַ נייע מאָס פאַר וועלט עס ווערט גענומען,
אַ שפּאָגל־ניי געוואַנט פון פעלקער אויסגעשפּינט,
אַ פאַרברייכער טאַפּעט מיט אויסטערלישע בלומען
אויף לעבן ווי אַ פרילינג־לאָן צעגרינט.

אַ נייעם ווערט פאַר שעה'ען און פאַר יאָרן,
ווען אַרבעט וועט דערקוויקן יעדן גליד,
ווען אין דעם לויטערסטן פון צייטס קאַיאָרן
יועט קינדיש־זאָרגלאָז קלינגען לעבנס־ליד.

חלומות בליען אויף אין וואָכעדיקע טעג,
קאָליר־צעשטרויטע לאַטע אויף כמאַרעדיקן גרוי,
ווי אויף דעם בלעטער־פאַל ביים ראַנד פון וועג
דער טרייסטנדיקער פינקל פונעם מאָרגן־טוי.

כל זמן

כל זמן עס לעבט אַ האַנט,
וואָס האָט דעם קנויט געצונדן,
אַ האַנט וואָס האָט געשונדן מענטשן־הויט
פאַר בעסטיע אילזע קאָך,
יאַטרען וועלן טיף־געקאַרבטע וואונדן,
היים ווי פּריסיק ברענען וועט דער בראָך!

כל זמן עס קלאַפּט אַ האַרץ,
וואָס האָט דעם גרויל פאַרשוויגן,
אַ פוס וואָס שפּרייזט צום טאַקט
פון היטלערס „גענדזן־טראָט",
דער שטאַמפּ פון מאָרד אויף אים וועט ליגן,
אַ קין־פלעק אויף וועג צו יעדן דאָרף און שטאָט.

כל זמן עס לעבט אַ גליד,
וואָס איז געגערט געוועזן פון מאַסן־טויט,
וואָס האָט פון קרעמאַטאָריע גרויל
אַ בלוטיק שפּיל געמאַכט —
פאַרקרעציקט ווערן זאָל זיין טעגלעך ברויט,
מיט שרעק־קאָשמאַרן פול זיין נאַכט.

כל זמן עס קלינגט אַ קול,
וואָס האָט באַפעל געגעבן
צו עפענען דעם קראַן פון טויט
פאַר קינד און קייט,
וועט פאָלק פאַר'יתום'טער זיין גאַנצן לעבן
פאַר קאַמף מיט נאַצים האַלטן גרייט!

שלום עליכם סקולפטור

אין טעמפל פון קולטור־ירושה אויסגעשטעלט —
שלום־עליכם — גאָב פון איד צו וועלט.
פאָרשן אויגן נייגעריק־צעעפנטע מיט חידוש
מאָדנע דרוק־שרייבצייכנס פון יידיש!

לויפן שורות אויף צוריק מיט וואָרט־פּאַרזיי,
חכמה פון זיין פאָלק אין יעדער ריי,
בליאַסקען דימענטן פון אַלט־נייע קוואַלן,
מיט היימישקייט באַצירן אויסשטעל־זאַלן.

זיין פנים, ווי אַ טאַטנס, שמייכלט פונעם ווערק
צום רוס, צום נעגער, צום פראַנצויז און טערק.
„אָט לאָמיר ברידער זיך שלום געבן,
מיט פרישן ברויט און זאַלץ באַגריסן לעבן."

„געווען אַ שטעקל־דריי, אַ לופט־כאַפּער דער איד,
פון דריקעניש, פון האַנדל־וואַנדל מיד.
ער האָט בטחון זיינעם ווי אַ פאָן געטראָגן,
צום טויער פון פאַרריגלטע פאַרטאָגן."

קריגן פעלקער ליב דעם גרויסן אידן,
נעמען אויף זיין נאָמען ווי רוף צו פרידן.
פון מעסערל ווערט טאַטערל אין שולע הערן,
ס'וועט אַ כינעזערל מיט מאָטלען כאַווער ווערן.

ס'וועט פריי אויף פרעמדער שפראַך צערעדן זיך זיין העלד
און בליצן וועט זיין פאָלק־הומאָר איבער דער וועלט.
קוקן מענטשן נייגעריק, מיט חידוש
אויף שלום־עליכמ'ען און זיין מאָדנעם אידיש!

י. ל. פרץ

הויב אויף די פּרץ־פּאָן אויב ניט נאָך העכער:
ס׳איז ליכטיקייט נאָך אים פאַרבליבן,
ווי פון אַ ווייטן שטערן.
ניט מיט פּען — מיט האַרץ האָט ער געשריבן,
מיט גלי פון אויג,
מיט אויער וואָס געקענט האָט הערן
יאָמער פון צעריסענער נשמה.
י. ל. פּרץ, אונדזער ליכטיקע מנורה,
שענסטער דענקמאָל צו די וואָס זיינען מער ניטאָ,
צו קעלער־שטובן, וואָס טאָרן מער ניט זיין,
צו שלום־יושר אויף דער וועלט,
וואָס ווערט אין בלוט געבוירן!
ס׳איז חכמה־שטראָם נאָך אים פאַרבליבן,
פּריש ווי קוואַל, ווי אמת ריין,
ווייל ער האָט דימענטן פון פאָלק געקליבן,
שיינען זיי פון אים אַרוים.
גרויס איז ער, ווייל ער האָט מענטשן־מין געליבט,
ווייל ער האָט דאָאיקייט מיט מעשהלע געקניפּט,
ווייל אָן־צייטיק איז געווען זיין וואָרט,
ווי פידל־צאַרט, ווי האַמער־האַרט...
איך הער זיין שופר־רוף: דערוואַכט!
די פרומע קאַץ נאַרט...
איבער פרעמדע פעלדער, איבער ווייטע ימ׳ען
רייסן זיך די ברידער פאַר די האָר!
האַנט אין האַנט צוזאַמען —
מלחמהניק און תפילה־פּרעפּלער,
מוסרניק און שטריימל...
און באַנטשע שווייגט!

הויב אויף די פּרץ־פּאָן אויב ניט נאָך העכער.
דאָס בינטל האָלץ,
דאָס זאַלץ און ברויט,
שלום־בית, קינדער־פרייד,
און אויף סאַמע אויבן־אָן — דער מענטש!

פֿאַסירט האָט עס דאָ

פֿאַסירט האָט עס דאָ:
אויף אַ אידישן לאַן
האָט מען צלם צעצונדן.
בלוטיקן ווידער פֿאַרצויגענע וואונדן...
פֿייער־פֿינגער,
נעגל־שפּיצן,
פֿלאַמען־שלאַנגען שפּריצן טויט־גפֿעאַר.
דרייט זיך צלם, שיפּעט, ברענט —
איד האָט האַקנקרייץ דערקענט —
קאַלך־אויוון פֿלאַם,
טויט־געלאַדענעם שטעכל־דראָט צאַם
גיהנום־זשאַר...
רויכן פּעט אין שוואַרץ איבער קרעמאַטאָריע דעכער,
ווי אַ טרויער־פּעכער איבער זון,
גערוך פֿון פֿאַר׳שרפֿה׳טן מענטשן געביין,
לעצטער געוויין...
עס ביילט זיך פֿון שווידער געשטעמפּלטע האַנט —
אַ איד — האַרט־געשטאַלטער אין נאַצישן בראַנד,
ווי אַ זייל ביי זיין פֿאַרשעמטן הויז,
רופֿט אויס:
„איך לויף ניט מער!
איך וויין ניט מער!
איך שווייג ניט מער!
איך קני ניט מער פֿאַר שונאים!
קעגן צלם־פֿלאַם... ווי ביים נביא זיין פּנים.
העי, וואו זייט איר, פֿריינט און שכנים?
לעשן קומט מיט מיר אינאיינעם!"

— — — — — — — —

מוטיקע וואַגן... ערלעכע קומען,
צלם־סקעלעט פֿאַלט אויף בייטן מיט בלומען.
שכנים דערציילן פֿאַר קינד און קינדס־קינדער
ווי מוטיקער איד האָט פֿאַריאָגט צלם־צינדער.

באַלאַדע וועגן ערנעסטינע ל. ראָוז

דער טאַטע איז אַ רב אין שטאָט,
די מאַמע פרום לויט גאָט׳ס געבאָט,
און ערנעסטין, זייער איינציק קינד
איז פריי און ניט געצאַמט ווי ווינט.

„באַדאַרפט וואָלט עס גאָר זיין אַ אינגל,
לויטן קעפל, לויטן צינגל...
קריכט אַריבער שטיין און פלויט,
שלאָגן זיך מיט אינגלעך גרייט!"

„קינד מיינס, וואָס וועט זיין מיט דיר?
צינדסט זיך אָן פון יעדן ריר!
אויגן דיינע, פלעמעלעך ברענען,
צופיל ווילסטו וויסן, קענען!"

„פאַר אַ מיידל פאַסט ניט פרעגן —
ווער צינדט זון? און ווער מאַכט רעגן?
ווער האָט אַלצדינג אויסגעשטעלט
אין דער גרויסער וועלט?"

קינדערלעך פון געטאָ־גאַס
מאַכן פון דער קליינער שפּאַס:
„לאַנגער צאָפּ, שוואַרצער צאָפּ,
קורצער שכל אין דיין קאָפּ!"

ערנעסטינע, ערנעסטינע,
אַזאַ לאַנגע, אַזאַ דינע,
האַלט איר קעפּעלע פאַררייסן,
מער ווי אַלע וויל זי וויסן!"

וואַקסט דאָס מיידל קלוג און גרויס,
גייט אַליין אין וועלט אַרויס,
גייט אויף ווייטע, ברייטע וועגן,
נאָר זי ווערט ניט מיד צו פרעגן.

ביז קאָלומבוסעס מדינה
איז פאַרפאָרן ערנעסטינע,
און אויף אַלע אירע יאָרן
דאָ אַן אייגענע געוואָרן.

טראָגט דאָס מיידעלע פון פוילן
ווערטער פיילן, ווערטער קוילן,
קלינגט איר קלאָרע זילבער־שטימע
אויף די סקווערן, אויף דער בינע.

אירע ווערטער לויבן, בענטשן
פרוי — די מאַמע פונעם מענטשן;
אירע רייד, ווי שאַרפע וואָפן,
טרעפן די וואָס האַלטן שקלאַפן.

אירע זעלנער קעגן שלעכטס —
פרייהייט, גלייכהייט, ווירדע, רעכט;
אויף איר ערנסט־קלוגן פנים
שפּאָט און טראָץ אַנטקעגן שונאים.

ערנעסטינע — שטורעם־אָנזאָג,
ערשטער שטראַל פון יונגן טאָג;
שטאָלץ זי לייגט אוים פרייען וועג —
ווייסט ניט פון קיין שרעק!

ערגעצוואו אין פּעטראָקאָוו
הערט פון טאָכטער אַלטער רב,
רום אירס כוואַליעט איבער ים'ען,
גלייך אין האַרץ פון טאַטע־מאַמען.

יאָרן קומען, יאָרן גייען,
נאָר זי הערט ניט אויף צו זייען;
ווערן אירע זוימען — טאַטן
און צעוואַקסן זיך אין שטאַטן.

ערנעסטינע לעבט, וועט לעבן —
זי האָט זיך דעם לאַנד געגעבן!
שטאָלצע פרוי, אין וועלט אַן שקלאַפן,
וועט פאַר איר אַ דענקמאָל שאַפן.

און אין פוילנס פעטראָקאָוו
וועט די טאָכטער פון אַ רב
צווישן קעמפער אָרט געפינען
אין צעלויכטענעם באַגינען.

אַ גרוס

אַ גרוס צו געוואַגטע, געלאָדענע יאָרן,
ווען לעבן אַליין האָט די „פרייהייט" געבאָרן.
אַ גרוס צו די גלויבער אין פרידלעכער וועלט,
וואָס האָבן פאַר יושר זייער אַליך איינגעשטעלט.

אַ גרוס צו די בראַווע (דערווייל נאָך ניט פרייע),
אַ גרוס צו די גייער צו אָנהויבן נייע,
צו טרעגער פון יאָכן, פון טעגלעכער מי —
צו די וואָס באַהאַלטן אין הארצן אַ גלי.

אַ גרוס צום נר־תמיד פון ערלעכע רייד,
וואָס שטאַרקן די גייער אין צער און אין פרייד,
צו לערער, צו טרייסטער מיט מונטער־געזאַנג,
וואָס לאָזן די מידע ניט אָפּשטיין אין גאַנג.

אַ גרוס אונזער היים פון „די בראַווע און פרייע",
וואָס גייט מיט דער „פרייהייט" צו פרייהייטן נייע,
צו שוואַלבן אין שטורעם, וואָס זאָגן אָן פרילינג,
פון שפע און שלום דעם טייערסטן צווילינג.

„וואָס גייט מיר אָן?"

„וואָס גייט מיר אָן? געקעמפט צי ניט?
צוקונפט?!... ניט פאַר מיר!"
און ס'ווייס דער נודנער קלעגער ניט...
זי איז אין יעדן ריר.

ווי טויטן שפּאָן, וואָס ווערט זיך ניט,
פאַרשלעפּט אים שטראָם אין וועג —
אַ פּוסטע פּאַס — זיין קלאָג-געמיט
צעפּלאַצטע קאָרעטעס — זיינע טעג.

ים גייט אָפּ... ים קומט צו
צייט-ריטם . . . אַ מחיה!
באַיוגנט ווערט זון נאָך נאַכט פון רו,
דערמונטערט מענטש און חיה.

אין פרילינג ווערט אַ וועלט צעבליט;
דער אונטער-שטראָם צעדריבלט קריעס...
נאָר טויבער צווייפלער הערט עס ניט —
ער פילט ניט זיסן חיות...

אין ווינטער אונטער שניי אין פעלד
(צי ווייס ער יאָ, צי ניט)
רייפט ברויט און פרוכט פאַר וועלט,
גייט אויף דער מאָרגן-שניט.

צייט שפּילט אויס געבורט-געשריי...
האַרמאָניע אין גרילץ פון שאַרפע טענער...
מיט יעדן פרואיו... מיט יעדן ווי
ווערט לעבן ריינער, שענער.

מענטשן־ברוך... טויב און בלינד,
ווי בלאַט פון ווינט געטראָגן,
קרעכצט און דרייט זיך מיטן ווינט,
פאַרוויגט פון אייגענעם קלאָגן.

עס ציטערט גאַס פון אומשולד־בלוט,
קדושים ברענגט מען צו קבורה...
אין הערצער, ווייטאָג, שטאָלץ און מוט
ס'איז יעדער שטעל — אַ בשורה.

הער, הער!... האַלט אָפן אויג און אויער..
דער צאָרן־קנאַל קאָן טויטע וועקן...
מען שטורעמט לעצטן פעסטונג־טויער
פון אַלע זייטן, פון אַלע עקן...

טאָ זאָג ניט, פריינט, „וואָס גייט מיר אָן"—
ביסט טייל פון נייעם פורעם —
אַ מענטש איז ניט קיין טויטער שפּאָן—
ער איז אַליין דער שטורעם!

די זומפּן-ברידער

פֿאַר די וואָס האָבן לעבן-לאַנג דורך זומפּ געבראָדיעט,
האָט נאָך איין בלאָטע-שפּריץ אַ קנאַפּן ווערט,
פֿאַר די וואָס האָבן קוואַלן ווערימדיקע רייד געפּלאָדיעט
אַ ספּאָרט אַזאַ פֿון „זשאַבע שלינגען״ ווערט!

עס שטויסן־אָפּ די זומפּיקע געזיכטער,
דער קלאַנג פֿון פֿאַלשע רייד איז עקלדיק-דערווידער —
ווי זיין צווישן לעבנס-לענגלעכע שיכורים ניכטער
איז גורל פֿון אַ ריינעם מענטש צווישן זומפּן־ברידער..

אָ, ווי ענג! ניט אָפּצוטרעטן, ניט אויסצומיידן...
און איינזאַם פֿילט זיך מענטש ווי מדבר-שטיין...
דער שוואונג ווערט איינגעשרומפּט פֿון שטילע ליידן,
מיט אַ געמיט פֿאַרוואונדעטן ער מוז דאָך ווייטער גיין...

צי געדענקסטו?

צי געדענקסטו?
צי געדענקסטו?
די ערשטלינג טעג —
ס'האָבן בראַווע דורך ווילדוואַלד
צעטראָטן אַ שטעג:
דורך רויכיקן פאַרהאַנג פון ביטול און שפּאָט,
ווי שאַל־רוף אין מדבר
אין ליכטיקע שפּורן פון אָנהויבער־טריט
אַ סנה האָט געגרינט,
אַ סנה האָט געבליט...
אויף קריסטי סטריט!

צען־שטאָקיקער גולם הירזשעט פון כעס:
„שלעפּער! זיי וואַגן זיך מעסטן מיט מיר!
זעט... דאָס פּאַסירונגל... ממש אַ שפּאַס —
אַ וואָך אָדער צוויי... בלייבט קיין זכר פון איר!"
אַ יאָר איז אַ יאָר — חדשים און וואָכן —
ס'„פּאַסירונגל" האָט נאָרמע פון גולם געבראָכן:
אַ חודש — אַ חידוש:
מחיהדיק קלינגט אידיש,
ס'איז ליכטיק אין אויגן, ס'איז לויטער אין מח —
פרייהייט, אַ יאָרלינג, פול צוזאָג און כח,
דאָס שוועלבל פון פרילינג —
איז דאָ!

יאָר איין... יאָר אוים...
פרייהייט — היים... אַ גענייץ די גרוים,
אַ וועלט — די ברייט...
זיצן שרייבער מיט פען ווי שווערד,
מיט וואָרט ווי שטראַל:
פאָלקישער קוואַל — טיפער ווי ים,
פאָלקישער גלויבן — אָן אַ צאַם;
פאָלקישער בליק — אַ היטער וואָס וואַכט
דורך לאַנגער נאַכט —
גייט „פרייהייט״ אין היימען,
אויף גאַסן, אויף ראָגן,
מיט ליכטיקע בשורות אין שווערע פאַרטאָגן.

צי געדענקסטו?
צי געדענקסטו?
די דרייסיקער יאָרן —
ס׳טראָגן קאַמפן און קעמפער
צעווירענעם צאָרן:
עפּל-פאַרקויפער אויף שטאָטישע ראָגן,
פליגן פון הונגער אין קינדערשן מאָגן,
הונגער-מאַרשירער און הואַזוערוויל שאַנד
ווי גיפטיקע שוואָמען אין לאַנד.
און טריי ווי אַ מאַמע, דיין מונטער וואָרט גייט
צו פאָדערן אַרבעט און ברויט.

צי געדענקסטו ?
צי געדענקסטו ?
יענע ערשטלינג־טעג,
יענע ליכטיקע זיילן אויף שווערן וועג ?
זיי קומען מיט גרוסן
צו היינטיקע בויער,
זיי זיינען אַ מוסטער פון קאַמף און פון דויער
אין שטורמישער וועלט —
זיי האָבן אַליין זיך אַ דענקמאָל געשטעלט —
זיי האָבן פאַרקריצט
אויפן פינקס פון דור —
פערציק קעמפערישע יאָר.

ס׳איז אַלגין געווען...
ס׳איז אַלגין נאָך דאָ,
ער לעבט אין זיין ווערק
יעדע רגע און שעה ;
זיין געבאָט — טרומייטן רוף —
„פעסטער טראָט באַרג אַרויף, באַרג אַרויף.״
ס׳האָט סנה זיך אין מדבר צעבליט,
ס׳האָט אַ סנה זיך אין ווילדפעלד צעגרינט
און געוועבט און געשפינט דעם כישוף־פאָדעם
פון בן־אָדם
אין זיין געצעלט —
די גאַנצע וועלט.

שלום-גאַנג

אין געהיים ווערט קריג געגרייט,
הינטער ריגל-שלאָס פון רויך-מאַסקירטע קולוארן.
זעט אַ וויזיע פאָלקס-פאַרטרעטער
אויף שאַך-ברעט פון דער וועלט —
גאָלד, זנות, זעט —
לעבנס אויסגעשטעלט פאַר פייער און געפאַרן.
מפּלה אָדער זיג — אים קימערט ניט,
זיין שייער סיי-ווי-סיי איז גרייט פאַר שניט!

אין אָפנקייט פון גאַס, ווי זוימען שלום-רייד,
מיט צוטרוי און געדולד, אין כמאַרע און אין שיין,
פאָלקס-פאַרטרעטער אַ וויזיע זעט:
אויף ברידערלעכער שאַך-ברעט פון דער ערד
באַזונט פון פרילינג
אַ פריד- און פריינטשאַפט-צווילינג
דער זיגער ווערט אין גרויסן שלום-גאַנג!

נ י ו - י אָ ר ק

גלייכמעסיקע אַנ׳סופ׳יקייט פון אייביק רירעוודיקן אָקעאַן
אין אָטעם פון ניו-יאָרק!
אומרו פון וואַסער איבער פעלזן־שטיין,
געזאַנג פון אייביקער באַוועגונג:
רודערט, רעדלט, רעוועט, גרילצט,
ציט ווי סטרונעס אָן דאָס מענטשלעכע געמיט
און רעגט און שרעקט און מונטערט...
פיל-צורהדיק איז פלאָנטער פון גיגאַנט,
צעכראַסטעט, צעשויבערט, עלעגאַנט,
ער קריכט ווי אַ קראָט צום ציל דורך אונטער-לאַבירינטן;
ער בויערט אין טיף, לויערט אין הויך.
מיט רויך־פאָרהאַנג פאַרצויגן,
פעסטונג צו פעסטונג, וואַנט צו וואַנט,
ער שפּאַנט, ער וואַכט מיט גלעזערנע אויגן
איבער בונטן מוראַשניק אין געווירבל-אימפּעט.
ער נישטערט, גראַבלט
אַ ביסן ברויט,
אַ פּעניץ פרייד,
אַ טראָפן גליק!
געביידעס מיט קעפּ צו וואָלקנס פאַרריסן,
זיינען טרעפּ צו גן־עדן און גיהנום.
אַן אַלט גרוי מויערל, ווי אַ יתומל פאַרקוועטשט,
צווישן ריזן באַהאַלטן
מיט בוימעלע פאַרגעסענעם, מיט ווילדגראָז אויף אַ בייט.

רעקלאַמישע ליכט־געוועבן
קויפן, פאַרקויפן סחורה, שיכרות, האָפענונג,
פרייד און גלאַנץ פון לעבן... אויף באָרג!
איז הוליע מענטש, ניט זאָרג —
אויך דו ביסט סחורה אויפן אָפענעם מאַרק...

ביליק . . . אין מיליאָנען...
איז טאַנץ, פרעס,
זויף, פאַרגעס,
אין געיעג נאָך אימיטאַציע גליק,
נאָך לאַנגע טעג
און קורצע יאָר!

ניו־יאָרק — מיליאָן־האַנטיקער גיגאַנט
באַנייט, באַקליידט, באַשיינט דאָס לאַנד
און שפּאַנט אין שמוציק־גרויען אונטערקלייד
מיט זיידענעם פאָס פאַרצויגן...
בבל־טורעם —
פּלאָנטער־קנופּ פון שפּראַך, פון סטיל און פורעם,
בונטע הויטן, קליידער, זיטן —
נאָענט און פרעמד
צוזאַמען און באַזונדער,
געלעכטער און געוויין —
אין מענטש־געקנויל — אין שטאָט פון וואונדער
רעדט מענטש מענטש אויף גאַס צו זיך אַליין...
סאָבוועי־מיילער
שפּייען, שלינגען,
ס'זינגען די געדערים פונעם ריז
פון גרויסער זעט...
און דאָס האַרץ פון אייזן און פון שטיין
אָטעמט שווער
אין שטיל פון נאַכט,
אין רויש פון טאָג,
ווי אייביק־לעבעדיקער אומרו פונעם ים
אין ריטמישער, גלייכמעסיקער אָנ'סופ'יקייט.

פון האַרצן

• „קיין מענטש קען זיך ניט קעגנשטעלן דער
מאַכט פון אַן אידייע, וועמענס צייט
עס איז געקומען.‟

ווילקטאָר היוגאָ

מיינע לידער

ווען איך וואָלט מיינע לידער אויף אינדזל געזונגען,
פריי ווי אַ פויגל, ווי ווינט איבער ים'ען,
זיי וואָלטן, ווי שטימע אין דזשאָנגל פאַרקלונגען,
ווי קלאָג־רוף פון איינזאַם־פאַר'יתום'טער מאַמען.

ווען איך וועל מיינע רייד אויסגעטאָקטע ווי קרעלן
צו הימל, צו זונען, צו מילכיקע וועגן,
מיין אייגענער שאָטן וואָלט לעבן פאַרשטעלן,
מיין ליד וואָלט פאַרוויאַנעט ווי פלאַנץ אָן אַ רעגן.

זוך איך ניט פרייהייט אין איינזאַמער וויסטע,
איך בין ניט מקנא דעם ווינט אינעם פעלד—
איך נעם מיינע לידער, מיט צוטרוי פאַרזיפטע,
צו גלויביקע בויער פון מענטשלעכער וועלט.

גוט איז דער עכאָ פון פריינטלעכן שלום,
ליב איז דער אָפשיין אין אויגן צעגלאַנצטע,
גרים איך די טרוימער פון אייביקן שלום,
מיט עמבריאָ־לידער פון ליבשאַפט דערגאַנצטע.

ניין, איך זוך ניט די פרייהייט פון מדבר־שטיין,
איך בין מוחל די רו פון פאַרשיכורטער נאַכט.
אין שפרודל פון ראַשיקע שטראָמען איז חן,
אין אומרו פון שטורעם איז כוח און פראַכט.

ווען איך וואָלט מיינע לידער אויף אינדזל געזונגען,
פריי ווי אַ פויגל, ווי ווינט אויפן פעלד,
זיי וואָלטן ווי פוסטקייט אויף שטיינברוק געקלונגען,
מיט יאוש דערוואָרגן דעם גלויבן אין וועלט.

דערמאָנונג

באַרג, מײַן היימיש-נאָענטער, איך זיץ אויף דיר,
ווי קינדווײַז אויף מײַן טאַטנ׳ס קאַרק:
אונטן — פלאָנטער, שפּין־געוועב פון שטאָט,
קאַראַהאָד פון מוראַשקעס צעטומלטע,
קרייץ און איבערקרייץ פון פריי־וועגן און גאַסן,
צעשפּרייט,
צעשיידט.
באַהעפט און צוגעטוליעט צו דײַן שטאַרקן לייב!

פון ווײַטן סטאַרטשען אײַנזאַם-אומעטיקע פּאַלמע־סילועטן,
ווי אין אַן אַלטן מויל אַ פּאָר פאַרבליבענע ציין...
ביים קאַיאָר, ביים זון־פאַרגיין
פינקלען אויף די פּאַלמע־שפּיצן טראָפּנס טוי
און גייען אוים אין גרוי פון בין־השמשות.

בײַנאַכט... איז שטאָט אַ כלה...
בונטע קרעלן... ליכטיקע גירליאַנדעס... שיכעלעך פון זילבער און גאָלד.
אירע מחותנים־אונטערפירער — ריזן אויסגעפּוצט אין פאַנצערן פון
שטיין און שטאָל.

זיי ווילן באַרג דערגרייכן,
אָנרירן די שטערן אין די הויכן מיט זייערע מאָנסטער־שאָטנס...

שמייכלט שטיל מײַן ליבלינג באַרג אונטער די וואָנצעס גרויע —
דער אַלטער האָט הנאה פון דער שפּיל:
ביי זיינע פים די יונגע שטאָט איז מלא חן...
און ער? ער איז תושב! געווען, איז... וועט זיין!

ניט אומזיסט איז באַרג מיר אַזוי נאָענט —
ער דערמאָנט מיין קינדערשן אַמאָל:
געווען אַ בערגעלע, אַ וועלדעלע אין טאָל —
כ'פלעג דאָרטן רויטע יאַגדעס קלייבן
אויף מיין באַליבטן פּלאַץ פאַרבלייבן שעה'ען לאַנג
און חלומען יונג־מיידלשע חלומות.
ווי אויף אַ טאַץ — דאָס שטעטעלע, דאָס טייכעלע, דער קלויסטער־שפּיץ,
מיין גאַס, מיין גרינער שינדל־דאַך מיט וועטער־האָן,
דער אַלטער שאַטנדיקער קליאָן ביי זילבער־קרעניצע אין פעלד.

— — — — — — — — — — — — — —

ווי קינדוויייז אויף מיין בערגעלע אַמאָל,
איך זיץ אויף דיר, מיין באַרג, אויף דיין פריינטלעך־גרינעם קאַרק
און קלאַמער זיך אָן שפּליטערם ליכטיקע פון מיינע קינדער־יאָרן,
אָן אַלץ וואָס איז פאַרמעקט געוואָרן
און ווינטש ס'זאָל קיינמאָל, קיינער ניט צעשטערן אין דיין טאָל
די יונגע שיינהייט פון פּלייש און ביין, פון שטיין און שטאָל.

באַגינען

זון־זאַטע מאַראַנצן,
גאָלדענע ציטרינען,
בלעטער, צווייגן גלאַנצן
מיט פּערל פון באַגינען.

זון אין טראָפּ פון טויען,
טוי אין בלומען־בעכער
און די רוימען בלויען
און דער הימל העכער.

אין זיך פאַרליבט, אויף בייטן,
ווי טענצער שלאַנק און דין,
די שענסטע צווישן קוויטן
נאַרציסן ווייס־און־גרין.

פאַרשיכורט פון באַגינען,
איך ריים מיר אָן נאַרציסן —
דעם נייעם טאָג באַזינען,
דעם נייעם טאָג באַגריסן.

די ווײַנענדיקע ווערבע

אין ווײַנענדיקער ווערבע, פֿון בליץ כּמעט פֿאַרברענט,
ביים וואַסער־ברעג פֿאַרוואָרצלט איך האָב מיין שטאַם
דערקענט;
דערפֿילט אין אירע אומרואיק־צעוויגטע ריטער
עקשנותדיקן אויסדויער און אומרואיקן ציטער.

און אָפּגעברענטער שטאַם ניט אייביק בלייבט אַ קריפּל...
אַט שפּיגלט זיך שוין יונגער שפּראָץ אין וואַסער־ריפּל,
צווייגן — ווינט־צעווייטע האָר פֿון גרינער קרוין
נויגן זיך צום שפּיגל־פּלאַך מיט נייעם חן.

אַ בלעטל גרינס איך וואַרף אַריין אין פלוס,
פֿון ווערבע שטאָלץ־פֿאַראַנקערטער אַ טרייסט און גרוס —
זי ווײַנט גאָר ניט... מיט ביימער איז זי גלייך
ביים פעסטן ברעג פֿון פֿולן פֿרילינג־טייך.

אונטער אַ פייגן־בוים

איך זיץ אונטער אַ פייגן־בוים
און רייס מיר אָפּ אַ פייג,
אַ גריינע און אַ זאַפטיקע,
פון לעבעדיקן צווייג.

נאַטור איז גאָרניט שפּאָרעוודיק —
זי גיט אַ פולע מאָס —
ליגן פייגן, האָניג־זיס
צעשפּרייט אין גרינעם גראָז.

פּאָר פייגעלע איז טיש געגרייט —
דער העכסטער שפּיץ פון בוים,
עסט עס פייגן, ווי איך, מיט פרייד,
ווי ביי זיך אין דער היים.

אונטער פייגנ־בוים איז גוט צו זיצן,
טראַכטן וואונדערלעכע טרוימען,
ווי שפּאַנען וועט מען שטורעם־בליצן
און פליען אויף שפּאַציר אין רוימען.

יאַפּאַנעזער עפּל־בוים

ס׳האָט מיר אַ כּישוף אָפּגעטאָן דער עפּל־בוים:
שווער איז אָפּווענדן פון אים די אויגן,
אַ בוים־בוקעט, צו זון ווי אָרעמס צווייגן אויסגעצויגן,
אַ מילדער ווינטל גלעט און צערטלט בליטן,
ווערן זיי ווי ליפּעלעך באַפּרידיקטע
פון זאַט־געזויגענעם קינד.
נאָך־רעגן טראָפּנס — פּערעלעך.
אַ שמייכל אין געוויין,
ווי טרערעלעך אויף קינדער־וויעס!
שטייט אַליין אויף גרינעם לאָן
זיין מאַיעסטעט, דער יאַפּאַנעזער עפּל־בוים.
ערשט נעכטן ווי מיט מאָן, מיט שטייפע בובעלעך באַשאָטן
איבערנאַכט — אַ שמעקעדיקע פּראַכט:
פּעטעלעך ראָזע... לעבעדיקע קאָנפעטי,
קאָלירטער שניי־פאַל אויף פּרילינג־גראָז.
אַ כּישוף אָפּגעטאָן האָט בוים־בוקעט,
צערטל איך די פּייכטע צווייגעלעך און גלעט.
שיכּור איז פון דופט און שיינקייט מיין געמיט:
איין בליענדיקער בוים באַ׳יום־טוב׳ט האָט די גאַס!
איז אָנמעכטיק בלאָס מיין וואָרט
צו אויסמאָלן גענוי אַ בוים וואָס בליט,
און איינפּאַסן זיין כּישוף
אין ענגן ראַם פון ליד.

ר ע ג ן - ש פּ י ל

כ'האָב ליב דעם אָנ'סופ'יקן פּלאַפּל פון רעגן,
פלייץ פון די דעכער,
קאַפּען פון בלעטער.
שטרעמלעך וואָס טאַנצן און קרייצן איינאַנדער,
דערציילן זיך באַיקעס פון ווייט-ווייטן וואַנדער.
באַלד קומען אָן שטראַלן, צוויי־שאַרפיקע שפּיזן,
באַפאַלן די טראָפּנס
אויף צווייגן, קאַרניזן,
מיניען מיט פריינטלעכער בונטקייט אין אויגן
מיט רייץ פון אַ רעגנבויגן.
אויף אַלערליי טענער,
פון רינעס, קאַנאַוועס עס יאָגן זיך טראָפּנס צו ים'ען.
אין נאַסקייט פון זייט-גאַנג:
אָפּגלאַנץ פון פאַלמעס,
פון לויטערן הימל,
פון געצוואָגענע גראָזן,
דערקוויקטן פעלד־בלימל,
פון ליכטער אַ פאַרביק-צערונצלטע שלאַנג.
די לופט האָניק-זיסלעך,
שליופּ... שליופּ מיט די פיסלעך,
מיט שטיפער-געזאַנג
לאָזן קינדער פאַפירענע שיפלעך אין גאַנג!

זומער

צעגאָלדיקט שטייט אין פעלד דער ווייץ,
ווי דינער זייד צעווייט פון ווינט;
אַ קאַרשן־בוים אין פרי־זומער־רייץ
אַליין... ווי אַ פאַרוואַרלאָזט קינד.

פלאַטער־פלי און פויגל־טריל,
פאַרב און קלאַנג פון יונגן ברויט;
ווינט מיט בלעטלעך פלאַפלט שטיל,
זון מאָלט קאַרשן־בעקלעך רויט.

ווער האָט בוימל דאָ פאַרפלאַנצט?
ווער האָט שיינקייט אַזוי האָלט?
ס'האָט ווינטעלע וואָס פריילעך טאַנצט
באַצירט דעם ים פון זאַנגען־גאָלד.

אַ ווינטל שוועבט זיך פריי אַרום
פון טאַטע־מאַמע ניט געשטערט,
שושקעט זיך מיט גראָז און בלום
און גלעט מיט ליבשאַפט גוטע ערד.

צומאָל פאַרשייט איז זומער־ווינט,
רייסט בלאָנדע האָר פון יונגן ברויט,
ער שפּילט מיט בוים ווי מיט אַ קינד —
אָט גוט און וואויל... אָט שלאָגן גרייט.

ער האָט אַמאָל אַ זוימען געבראַכט,
איז אויסגעוואַקסן דאָ אַ שטאַם...
אַ בוים — צעצווייגטע פולע פראַכט
פילט־אָן די לופט מיט זיסן טעם.

ס'האָט גאָלד פון סנאָפּעס זון צעהעלט,
מיט פרוכט צערייפטע בוים באַשאָטן,
פאַר שניטער כּיבוד דאָ געשטעלט,
וואָס רוען מיד און פריידיק אין זיין שאָטן.

האַרבסט

אָרגיע פֿון קאָלירטן בלעטער־פֿאַל... פּולפּילונג פֿעסטיוואַל!
פֿלייץ פֿון פּרעכטיק־שטוינענדיקע פֿאַרב־ניואַנסן —
ניט אָטעם פֿון שטאַרבן...
ניט שוואַן־געזאַנג אין קרוכלען גאַנג פֿון טראָט.
ריטם־פּויזע פֿון אייביקן שפּאַנען...
האַרמאָניע אין וואַקסן און אין וויאַנען,
ליכט־געמיש פֿון פֿריש־געבוירענע פֿאַרטאָגן,
וויזיע פֿון פֿרילינג־גרין
אין בלעטער־רעגנבויגן מיניעט אין אויגן...
נעכטן אין מאָרגן
געווען אין זיין
ווי ספּאָרטלער אין געוועט פֿאַרקלעמט!
און ס׳האָבן דיכטער אָפֿט דעם האַרבסט פֿאַרשעמט
מיט קרעכצן און באַקלאָגן
זיין גרויסע שליחות אינעם ציקל פֿונעם לעבן!

שניי־באַלעט

דאַרפסט ניט זוכן ווייט קיין וואונדער,
ס'איז פול מיט זיי אַרום, ווי רייפער מילגרוים;
ווער ס'האָט באַטראַכט אַ פשוט שנייעלע באַזונדער,
האָט מיטן אויג אַנטפלעקט אַן אויסגעשניצטן וואונדער,
וואָס קרייזלט צו דער ערד אין לייכטן פירועט*—
אַ כישוף־טענצערין אין שניי־באַלעט.

זיי קומען איינציקווייז, איינס נאָך און מיטאַנאַנדער,
ווי פעדערלעך צעבלאָזענע פון שטיפערישע ווינטן.
בלענדענדיקע, בליאַסקענדיקע, זון־זאַטע וואַנדערער;
וואָלקן זייפן־בלעזלעך פון אויפגעפראַלטע שפונטן.
וויגן זיך די טענצערלעך אין חנעוודיקן פלי
און בוקן זיך צו ערד, דער מאַמע, אויף פוכיק־ווייכע קני.

הילפלאָז, שוואַך איז שנייעלע באַזונדער,
צוזאַמען פאַנגען זיי אַ וועלט אין צויבער־נעץ פון שנייען.
עס טוליעט זיך, עס לאַסטשעט זיך אַ וואונדער צו אַ וואונדער,
ווערן שטורעם־פייגעלעך געשטאַרקט פון טאַנץ־געדרייען,
באַזעצן זיך ווי מאָלער אויף דעכער און קאַרניזן,
פאַרוואַנדלען גרויקייטן פון לעבן אין אויסטערלישע ריזן.

ווערט צויבער אויסגעשפינט פאַר דיינע אויגן
אין בויגעוודיקן שוואונג פון שניי־באַלעט.
אין פוטערס, מיט שטערן־פוך פאַרצויגן
ליגן גאַסן מיט ווייסן בלענד, מיט רחבות אויסגעבעט;
אין טאַנץ־פינאַל פאַרגליווערט טענצער ליגן
ביז אויסגעשעפטע, מידע ווינטן גלעטן זיי, פאַרוויגן.

---

*) פירועט — אַ טאַנץ־געדריי אויף די שפּיץ פינגער.

די פאַרבערין

אויף הויכער רעשטאָוואַניע
שטייט זי —
יונג,
שטאַרק,
געניט . . .
דער לייטער שרעקט זי ניט.
די אַרבעט רופט
אין קרוכלער פרישקייט
פון מאַיאָווער לופט.

אַ וואַטאָווקע איבער הויזן,
אַ בלומען־טיכל איבער קאָפּ.
פון ראַנג צו ראַנג,
אויף און אָפּ,
מיט ריטעם פון טאַנץ־געזאַנג.

באַרשט אין עמער,
באַרשט אויף ווענט...
הענט — ווי פליגל אויסגעשפרייט;
באַקן — ווי די זונען רויט!
די פאַרבערין —

אַ לעבעדיק געפורעמטע סקולפּטור
מיט בונטן שפּור
אויף פּנים און אויף הענט —
איר לוין, איר פרייד
פאַר אָפּמעקן די וואָכיקייט
פון ווענט.

(מאָסקווע)

שרעק־גערויש

אַ האַרבסטיקער ווינטל האָט שפּילכעלעך געפונען,
ער טענצלט דורך וועש אָנגעצויגן אויף שטריק,
זון האָט פון קליידעלעך שפּיצן געשפּונען,
וויגט זיי דאָס ווינטעלע הין און צוריק.

קינדערלעך שפּילן זיך מיט ריישלעך, מיט באַנען,
פּאַפּירענע שלאַנגען שוועבן אין לופט,
אויף הימל באַווייזט זיך אַ ריי עראָפּלאַנען,
אַ קינד, אַ דערשראָקנס רופט:

— מאַמעלע... מאַמע... זיי וועלן באַלד שיסן.
כ'האָב פיינט אַזאַ הימל, נעם צו די זון.
ביי מאַמען וועט שטילערהייט ס'האַרץ אָפּגעריסן:
— באַרויק זיך, נאַרעלע, טראַכט ניט דערפון.

אין הימל דאָרט פלאַטערן ווייסינקע טויבן,
זיי ווילן קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן,
אין פּיסקעלעך רויטע פון לויטערן „אויבן"
זיי טראָגן פעדימלעך בונטע פאַר שלום־פאָן.

— מאַמעלע... ווער וועט די פעדימלעך וועבן?
— אַלע מענטשן, ליבינקע, אויך איך און דו.
— וואו וועט די פאָן פלאַטערן?
— אויף פאַלאַץ פון לעבן,
אויף טעג אויסגעלייזטע פון שלום און רו!

מיידעלע קוקט אין מאַמע'ס אויגן,
זעט דאָרט זון און הימל בלוי,
האַלט זי, ווי פליגעלעך, הענט אויסגעצויגן:
— מאַמעלע... ס'וועט טאַקע זיין אַזוי?

ניטאָ מער די שפּיצן פון זון אויסגעשפּונען,
די מאַמע פאַרנעמט פריש־געוועש אינעם קויש,
דאָס ווינטל האָט אַנדערע שפּילכלעך געפונען,
פון הימל פאַרווישט איז דער שרעק־גערויש.

דאָ איז אַמאָל אַ היים געווען

דאָ איז אַמאָל אַ היים געווען,
דאָ האָט אַמאָל אַ מענטש געלעבט,
איז עפּעס מיט׳ן היים געשען,
מיט שפּינוועב איז די טיר פאַרוועבט.

אַ רויזן־קוסט ווי וועכטער היט
פאַרלאָזטע חורבה, ברוך און שטיין.
אַ רויז האָט זיך אין מיסט צעבליט,
ווי כלה גרייט צו חופּה גיין.

עס בליט מצבה פאַר אַ מענטשן,
וואָס האָט געזייט דאָ און געפלאַנצט;
צאַרטע רויזן־ליפּן בענטשן,
טרערן־טוי אויף וויעס גלאַנצט.

צווישן ווילדגראָז, ברוך און שטיין,
ווי אין תכריכים חורבה־הויז,
געווען אַ היים פאַרפּוצט און ריין,
וואו ס׳בליט פאַר׳יתומ׳ט איין־איינציק רויז.

די שטילע

די שטילע, רופט מען זי —
זי איז דאָ
און דאָך ניטאָ!
יאָרן, שווערע יאָרן — שטיינער
און עס ווייסט ניט קיינער
אַז זי באַוואַכט די שוועל
פון אַ פאַר׳חתמ׳עט טיר...
דאָס געטאָ־מיידל האָט פליש אויף ביינער אָנגעצויגן,
אַ שמייכל אויף די ליפן אָנגעהאַלטן,
נאָר אומעט־קוואַלן — די גרויסע ברוינע אויגן
ניט געקענט באַהאַלטן!

די שטילע, רופט מען זי;
זי איז דאָ
און דאָך ניטאָ.
מאַנען יאָרן, שטומען יאָרן...
וואָרט האָט זין און מאָס פאַרלאָרן,
פון טיפעניש איר נאָמענלאָזער גרויל
האָט מיט בראַנד פאַרריגלט מויל!
פלינק איז זי געווען — אַ באַרג־גאַזעל,
איר מיידלש זילבער־קול — אַ צאַרטע פלייט...
איצט שטייט זי וואַך, די שטילע, ביי סודות׳פולער שוועל
און ציט איר אַרבל איבער בראַנד־שטאַמפּ פון איר לעבן.

בין השמשות

בין־השמשות... אומרו־שעה,
טאָג איז דאָ און ניטאָ —
געזוען, געלעבט, געוועבט
זיין דויער־פאָדעם אין צייט...
ער בלייבט און גייט
אויף וועג פון אָפּגעלעבטע טעג.

נאַכטפאַל... שלאַכטפעלד אין רוימען:
מיט זוניקע זוימען, וואונדן פאַרבונדענע,
וואָלקנס צעצונדענע...
זעגלען אין בונטקייט געבאָדן,
שיפן געלאָדן מיט גלויבן אין צווייפל,
מיט טרוימען־קרבנות פון טאָג!

בין־השמשות־פּראַכט... קאָלירטע פאָן וואַכט
איבער זיכערקייט פון צייט...
דעמער... שמעלץ פון פאַרבן —
שטאַרבן וועט באַלד טאָג
אין ווייכע אָרעמס פון דער נאַכט,
ווי אין אַ וויג!

מאָרגן . . . זיג . . .
נייער אָנהייב . . . נייער גאַנג,
אַ נייע נאָטע אין וועלט׳ס געזאַנג.
בין השמשות — שפּיל פון צייט —
אַ טאָג—אַ רינגעלע פאַר ווייטער, ווייטער ווייט...
וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף!

די לוויה פון אַ באַרג

געשטאַנען איז אַ באַרג דאָ דורות־לאַנג,
ווי רינג צעמענטענער די גאַס אַרום זיין גוף,
צום שפּיץ אַ סטעזשקעלע — געדרייט זיך ווי אַ שלאַנג,
געמאַניעט שטיפער־קינדער אויף אַרויף.

צוויי פאַלמעס האָט עמיצער אויף שפּיץ פאַרפּלאַנצט,
ווי וועכטער איבער קרוין פון איינגעפונדעוועטן באַרג...
און ווינט האָט פריי דורך פאַלמע־גרין געטאַנצט,
און זון, די פייער־טויב, גערוט האָט אויף זיין קאַרק.

און מיטאַמאָל... ניטאָ קיין באַרג... קיין פאַלמעס מער...
ווי לאַבן ברויט צעשניטן און צעדרויבט די ערד,
אַ ריז מיט ציין פון שטאָל, מיט יאַסלעס גראָב און שווער,
צעביסן האָט די אייביקייט פון באַרג... פאַרצערט...

עס גוססט באַרג... ער הויכט דאָס לעצטע מאָל,
אויסגעוואָרצלט ליגן פאַלמעס—העלדן נאָך אַ שלאַכט...
עס יובלט פריש־פאַרפולטער, שאָטנדיקער טאָל —
ס׳האָט גאַס צעמענטענע זיך קעגן זון צעלאַכט!

די גאָלדיק־ברוינע ערד מיט הענטלעך קינדער גלעטן,
אין בענקעניש און וואונדער, אין טרויער און אין פרייד—
ערשט נעכטן האָט דער באַרג צוגאַסט פאַרבעטן...
און אוים... פאַרשניטן, אויסגעאַקערט... טויט!

אַ הספד מאַכט דער ווינט, פאַר׳יתום׳טער, ביים קבר,
אויף טויטע פאַלמע־בלעטער שפּילט ער אוים זיין וויי —
אַ ניי־געבוירענע מיט זאַפט אין יעדן אבר,
אָטעמט בתולהדיקע ערד מיט בויאונג און פאַרזיי!

אַ ליד ווערט געבוירן

אַ ליד ווערט געבוירן אַט דאָ פאַר די אויגן,
ווי עמיץ פון לופטן וואָלט קלאַנגען געצויגן,
און זינגער די קלאַנג־פעדים וועבן און וועבן
און פילן זיי אָן מיט דעם אָטעם פון לעבן.

איינער דעם צווייטן זוכן די קלאַנגען
באַהעפטונג — דער אָנהויב פון נייע געזאַנגען:
סאָפּראַנאָס און אַלטאָס, באַסן, טענאָרן —
אַ מאָדנער וויכוח איז זאַל איז געוואָרן.

שטאַרק און הויך, מילד און שטיל,
פלעכטן זיך טענער אין קלאַנגען־קאַדריל,
ס׳האָבן זיך פאַרביקע פעדים געפונען —
קלאַנגען־טאַפּעטן פון זיי אויסגעשפונען.

— — — — — — — — — — — — —

אַ קרעפטיקער ווין שפּילט אין איטלעכן גליד —
די פרייד פון אַ נאַר־וואָס געבוירענעם ליד!

דער דיכטער פון ליכטיקער שעה

(אין אָנדענק פון ש. האַלקין)

אַ ניין, עס קען ניט זיין,
כ'האָב זיך געזאָגט...
נאָר ס'איז!
ניטאָ מער אונזער יחוס,
אונדזער דיכטער־ריז,
דער שעפערישער מדריך, דיכטער, בויער
פון נייעם לעבן!
איינגעהילט אין טרויער,
יתומים זיינען מיר אויפסניי געוואָרן...
ס'איז מיר באַשערט געווען דאָס גליק
אריינצוקוקן אין זיין טיפן בליק;
כ'האָב ווי אַ הונגעריקע
געשלונגען זיינע שטילע רייד
פון צער און פרייד,
פון גלויבן און פאַרליבטקייט
אין זיין גרויסן לאַנד:
„די קויל פון שונא האָט אין גוף פון לאַנד געצילט
און אונדז געטראָפן...
מיט פיין און צווייפל אויסגעבעט דער וועג..."
און ווי אַ ברודער — היימיש־נאָענט,
דערמאָנט ער שווערע טעג
און זיסקייט פון דערלייזונג...
אויף אויסנווייניק לייענט ער פאַר מיר,
אַ ליד — געשאַפן אין צייט פון שונא'שן ווילקיר:
„אַ טראָפּן... ער לעבט דען פאַר זיך?
ער באַצירט דאָך דעם וואַלד...
אין וואַלד פאַלט אַ בלאַט,
אַ נאָדעלע פאַלט...
און ער — אַ זומער־פרימאָרגן בלויז אַלט...

פאַרוואָס זאָל דער וואַלד
אים פאַרלעשן מיט גוואַלד?!"
און באַלד גיט ער צו מיט טרייסט אין זיין טאָן:
„צום גליק ניט באַוויזן האָט שונא עס טאָן!"
דעם דיכטער אין אויגן איך קוק אַריין
ווי נאָך רעגן זון אויף זיין פּנים אַ שיין...
אַ שטאָלצער ער מאָלט מיר זיין זוניקן לאַנד,
איך הער און מיט ליבשאַפט איך דריק זיין האַנט...
ס'איז גלויביק און שטאַרק זיין געפּרואווטער געמיט,
ווי זאַפטיק און וואָגיק זיין ליד!

— — — — — — — — — — — — —

ניטאָ מער דער דיכטער פון ליכטיקער שורה —
ווי וואונד אינעם האַרצן — די שרעקלעכע בשורה!

שלום-עליכם

דו האָסט אין זאַפט פון פאָלק געטונקט דיין קנויט,
ווי יום־טוב־ליכט צעצונדן טעג פון לעבן,
דיין וואָגיקע ירושה אים פאַרטרויט
און מיט בטחון פון אַ זעער אָנגעפילט דאָס לעבן.

דו האָסט מיט שעפערישער גייזער־קראַפט געשפּאַרט ארויף,
די וויטיק־שטערונגען מיט שפּאָס אַוועקגעמאַכט,
דיין לויטערער געמיט אין טויטלעך־קראַנקן גוף
האָט מיט דיין פאָלק דורך טרערן ביטערע געלאַכט.

דיין פען, ווי קינסטלער־פענזל, אין דיין האַנט,
דיין וואָרט האָט חן און אומעט־ניגון פון פידעלע געצויגן,
ווי דיין שטיפמאַמע געווען צו דיר דיין אייגן לאַנד,
וואָס האָט פאַרנעפּלט פרייד אין קינדער־אויגן.

אין פיבערישער איילעניש האָסטו געשריבן,
דיין טביהן, מנחם־מענדלען, פייסין פאַרגעשטעלט...
דו האָסט פון פאָלקס־ים פערל אויפגעקליבן —
דיין ירושה פאַר צעיונגטער, רירעווודיקער וועלט.

שלום — אַן אייביקייט אין נאָמען דיינעם איינגעפאַסט!
שלום־עליכם קלינגט גוט אויף אַלע שפּראַכן,
ווען דיין „פאַרכישופטער שניידערל", דיין קבצן־ראָטשילד שפּאַסט
הערן פעלקער צו מיט פרייד און היימיש לאַכן.

„דאָ ליגט אַ מענטש אַ פּשוטער" — אַ פאַן אויף דיין מצבה־שטיין!
דיין ליבשאַפט צו דער אָרעמשאַפט — אַ לאָזונג פאַר דער וועלט;
דיין הונדערטסטער געבוירן־יאָר — אַ ווייטער שטערן־שיין,
אַ דענקמאָל ווירדיקער פאַר פאָלק און זיך געשטעלט!

ביסט לעבעדיק פאַרבליבן נאָך דיין טויט,
אין יעדער היים — אַ שטענדיק־אָנגעלייגטער גאַסט;
האָסט אַ באַשיידענער אין פאָלקס־חכמה געטונקט דיין קנויט,
דיין נאָמען, ווי אַ פּערל, אין פאָלקס־קולטור אַריינגעפאַסט.

פאַלט אַ פריינט

(אין אָנדענק פון כאַווער־פּאַווער)

פאַלט אַ פריינט, פאַרליר איך טייל פון לעבן,
קלענער ווערט מיין ווערט אין וועלט.
נאָענטקייט וואָס האָט מוט געגעבן,
פון טויטן גלייווער ווערט אויף אייביק אָפּגעשטעלט...

אַ פריינט איז לויטער שטראַל אין כמורנעם טאָג,
אַן אָנשפּאַר־זייל אין שמחה און אין צער.
אַ שמייכל פון אַ פריינט — דימענט אויפן וואָג,
טרייסט אין שווערע שעה'ען פון געפאַר.

ווי ווערבע־בוים ביים פעסטן וואַסער־ראַנד,
פאַרוואָרצלט איז אין האַרצן ליבשאַפט צו אַ פריינט.
און פעלן וועט זיין קינסטלער־וואָרט, זיין חבר־האַנט
אויף קרייצוועגן פון גורל'פולן היינט.

עס צאַפּלט האַרץ, ווען טויט נעמט שניט,
עס טריפט אַ טראָפּן סם אין מיין געזאַנג —
ווילדגראָז וואַקסט, מען זייט עס ניט —
פון שפּראָץ ביז רייפן דעמב נעמט יאָרן, יאָרן־לאַנג...

פאַלט אַ פריינט פאַרליר איך טייל פון לעבן,
אָרעמער, פאַר'יתומ'ט בלייב איך דאָ...
אייביק רו דיר... דאַנק פאַר שעפערישן לעבן,
פאַר דיין יעדער לעבעדיקער שעה!

אין מיין פריינטס סטודיאָ

(געווידמעט דעם קינסטלער פּ. קוירק)

ווי קאָן אַ מענטש זיין טויט,
ווען ס'לעבט זיין יעדער פּענזל-שטריך?
ווען ס'זינגט פון וואַנט אַראָפּ
די פרייד פון זיין באַשאַף ? !
ווי קאָן אַ מענטש זיין טויט,
ווען ער האָט פרילינגען און זומערן
אַריינגעפירט אין הויז ?
זיינע ים'ען, פעלזן, בערג און טאָלן
אויף קאַנווע אויסגעמאָלן... אָטעמען!
זיינע וואָלקנס שוועבן... זיינע ווינטלעך בלאָזן,
זיינע טויען פינקלען ווי די זונען אויף די גראָזן,
זיינע כוואַליעס שטיפן איבער שטיינער —
איז ווי פאַרט זיך אַזאַ איינער
מיט סופ'יקייט פון טויט ? !
ווי קאָן מען צוגעבן, אַז ער איז מער ניטאָ,
אַז יעדער רגע, יעדער וואָכעדיקע שעה
מען פילט אים אַרום זיך ?

אין דרויסן פרילינג — אויף קאַנווע פאַלט שניי,
אין דרויסן ווינטער — אויף קאַנווע בליען קוויטן,
אַ וואַרעמקייט שטראָמט שטיל אַרויס
פון יעדן פאַרבן-שטריך...
די אייביקייט פון שאָטן און פון שטראַלן
אין זיינע אָרעמע קוואַרטאַלן,
אין זיינע נעגער-פרויען, זיינע מאַינער,
אין גלאַנץ מעטאַלענעם פון מעשענעם געשיר,
אין דער פאַרביקער ירושה זיינער...
און ס'מישט זיך צער און פרייד אין מיר...
ווייל ער האָט מיט פולער מאָס געגעבן
זיין ז י י ן, זיין שעפערישן לעבן ? !

מײַן געשאַנק

(צו גינאַ מעדעם)

וואו נעמט מען וואַגיקן געדאַנק,
וואָס זאָל ווערט זײַן לעבן פֿון אַ ליבן מענטשן?
וואו נעמט מען וואָרט, וואָס זאָל ווי מאַמע בענטשן
יעדן יאָר, וואָס גייט אַוועק?
יעדער לויטערן אָנהויב,
וואָס ווינקט ווי ליכט אויף לעבנס־וועג?!
און עס פֿאַלט מיר אײַן:
איך וועל נעמען יוגנטלעכן שײַן,
דעם טעם פֿון אַלטן ווײַן,
די גראַציע פֿון אַ רײַפֿער רויז,
דעם קול, וואָס זינגט ווי פֿלײט אַרויס,
דעם סקעפּטיש־קלוגן קנײטש פֿון ליפּן,
עס זיפּן,
שמעלצן,
פֿורעמען,
אין זיסן, מאַמיש־שטילן וואונטש־געזאַנג...
און זאָל דאָס זײַן מײַן קלײנינקער געשאַנק...
מײַן דאַנק פֿאַר דײַנע יאָרן —
שײערן מיט פֿרײד...
ווינטער־קאָרן,
וואָס ווערט אין האַרבסט פֿאַרזײט
פֿאַר קומענדיקן פֿרילינג!

דיין לעבן

װער ס'האָט זיין לעבן װי אַ ליכט־טורעם געהאַלטן,
און טרייסט געבראַכט אין שטורעמדיקע טעג,
דעם אַנטקעגן קומט עס מיט געזיכט צעשטראַלטן
און נעמט אים אונטער פליגל אויף װייטערדיקן װעג.

װער ס'טראָגט אין זיך אַ פולן, רייפן לעבן,
דעם איז דער ענגסטער צימער גראַם —
ער פאַרמאָגט די גרויסע קונסט פון געבן
און פילט די טעג און יאָרן אָן מיט טעם.

אַזוי ביסטו, װאָס װי אַ קרוג, ביסט פול ביז ראַנד
און טיילסט די רייד דיינע װי זיסן װיין —
ביסט דאָך אַן אייגענע אין יעדן לאַנד,
ביסט װי אַ בוים װאָס האַלט אין װאָרצל זונען־שיין.

װערט טאַקע שטאַרקער, װיין דיינער מיט צייט,
און װייכער װערט דיין קול, װי ביי אַ מאַמען,
ער קלינגט װי עכאָ פריינטלעך אָפּ פון נאָענט צו װייט,
ער שפּאַנט אַ פרייד־פולער אַריבער לאַנד און ים'ען.

טאָ טראָג װי צירונג דיין פולן אוצר — יאָרן,
זאָל זיך אין זיי צעפינקלען דיין יוגנטלעכער בליק!
טראָג שטאָלץ װי פאָן דעם טאָג פון דיין געבוירן
און גיי מיט װעלט צוזאַמען צום נאָענטן שװעל פון גליק!

קונסט־וועלט

אין אָנדענק פון פרענק **קוירק**

סטודיאָ... כּישוף־וועלט:
איבער ברוינע פעלזן, ימיק־שוים צעכוואַליעט;
אָפּגעהאַקטער בוים אין מיטן מדבר שפּראָצט;
סנאָפּעס קאָרן־גאָלד אויף פעלד נאָך זומער־שניט;
מיד, מיט אומעט אין די אויגן,
אַ וואַשער־פרוי מיט הענט אין שוים,
גרוים־שטאָט־טורעמס אין נעפּל־גרוי פאַרצויגן;
ביים פישער אויף דער ווענטקע צאַפּלט זיך אַ פיש,
אַ שיסל פרוכט מיט לעבעדיקן טוי אויף טיש,
און איך — פאַרגאַפט...
מיט שיכּרות פון געגוס צעוויגט אין קאָפּ,
עס לויפט מיין בליק פון וואַנט צו וואַנט —
כ'וויל טרויבן אָנרירן מיטן האַנט,
אַן עפּל פון דער שיסל נעמען...
עס גרינט דאָ גראָז, עס דופטן כריזאַנטעמען,
קופּער־קריגעלעך און זילבערנער געשיר - - -
איך שטיי ביי טיר פון בונטער וועלט,
און ס'פעלט מיר אָטעם!
עס שפּילט די זון איבער די רעדעוודיקע ווענט —
קאַנוועס ווינקען, שמייכלען, ציען אוים די הענט:
„וועלקאָמען פריינט"!"
דאָ אין מיטן דער נשמה־רירנדיקער פּראַכט
איז יום־טוב היינט!
דער קינסטלער... שטיל... פאַרטראַכט:
נאַטור איז רייך און קאַרג,
און איך, איר נאָכמאַכער, וויל סוד געפינען —
ווען איך זאָל שאַפן קאָנען אַ זעמדל פון אַ באַרג,
אַ לעבעדיקן גרעזל, אַ פינקל טוי פון דעם באַגינען,
אַ גלימער פרייד אין קינדער־בליק —
איך וואָלט פאַרזוכט דעם טעם פון שעפערישן גליק!

לעצטע שעה

שטיל און טונקל איז זאַל פון טרויער...
אין ים פון אייביקן דויער
איז טויט... אַ ריפּל;
אין ראָד פון זיין —
דער טיפסטער סוד!
אַרום אָרון באַבלומטן,
אָטעם פון לעבן געשפּאַנט ווי אַ סטרונע:
אַ מענטש... געווען... און מער ניטאָ...
מאַן און טאַטע,
חבר און פריינט... ניטאָ!
אין לעצטער שעה פון היינט
פאַרשטעמפּלט ווערט אין יעדערנס זכרון
דאָס אייביק־דאָאיקע,
דאָס אייביק־לעבעדיקע ווערט פון יאָרן...
מיט ברייט־האַרציקייט פון גייסטיקן גביר,
ער האָט פולע טעג געגעבן
שפּראָצנדיקער, ראַנגלענדיקער וועלט,
וועט מען גאָב־געזעגעניש פון יאָרן
אין טרויער איינזאַמלען
פאַר שייער פון געדאַנק —
מיט דאַנק פאַר דער ירושה.

ג ע ד ו ל ד

געדולד — געפלעכט פון אויסדויער־געוועבן.
ווי אַן עלאַסטיש באַנד — האַלט עס איין, גיט נאָך;
אַן אָנשפּאַר זיכערער אין לאַבירינט פון לעבן,
עס לאָזט ניט בויגן זיך אין שווערן יאָך.

אַ פּרואָוו־שטיין איז געדולד פאַר מענטשן אין געראַנגל,
אַ פּויזע אין צייט־גאַנג פון ווירבל־געדריי;
ניט צווייפל־סימן פון שוואַכקייט און מוט־מאַנגל,
נאָר איבער וואונדן אַ זאַלב צו פאַרמינערן וויי.

געדולד אָן אַ מאָס — אַן הערמעטיש פאַרזיגלטער דאַמף,
אַ בומעראַנג שווערער, וואָס שלאָגט אויף צוריק —
מיט שכל געפּאָרט — אַ רודער אין קאַמף
איבער רויקייט פון לעבן — אַ בריק!

געדולד ווערט פון לעבן געשטעלט צום נסיון
און ווערט אין פאַרמעסט ניי־געבוירן:
ס'האָט מענטש זיך פאַרמאָסטן אַ וועלט איבערבויען,
צעקניפּן דעם פלאָנטער פון יאָרן.

בוך

בוך מיט רוקן שטייט צו לאַנג,
עפן אים, פאַרנעם זיין קלאַנג —
בוך איז מענטשנס בעסטער פריינט —
קניפּט אויף נעכטנס מיטן היינט.

צווישן בלעטלעך ווײ און פרייד,
ס׳ווערט אַ וועלט אין גאַנג באַנייט.
ווערטער-קרעלן ווייס און שוואַרץ,
צווישן טאָוולען שלאָגט אַ האַרץ.

בוך צו מענטש און וועלט — אַ טיר,
מיט די אויגן טו אַ פיר...
בלעטער דאָ, מיש אויף דאָרט,
שפּיר דעם כּוח פון אַ וואָרט!

מיט זאַפט פון דורות אָנגעפילט,
בוך דעם דאָרשט נאָך וויסן שטילט.
נעם אַ בוך אַריין אין הענט
און צעשפּאַר מחיצה-ווענט!

געדאַנקען-גאַנג

פעסטער ווי ראיה,
שנעלער ווי קלאַנג,
זאַנפטער ווי אָטעם פון ניי-געבוירן
איז דמיון-גאַנג
אין קלאָרן פאַרשטאַנד:
אָט טוט ער אַ הויב
צום הימל-אַזשור,
צום אַל-וועלט ראַנד,
און אָט, אָן שפור, ער פאַרגייט,
ווי פערעלע טוי אויף אַ קווייט,
און דערפרישט . . .
און באַנייט . . .

פולער פון שטורעם,
גראַמער פון רוים,
מאַגישער פרוכפער-נס-טרוים!
מחשבה! . . . אָן צאַם פון צייט,
פון יאָר, פון טאָג,
אָן מאָס, אָן וואָג,
אָן האַפט, אָן גרוים,
אָן אַטאָם-שטוים —
שאַרפער פון בליק,
שנעלער פון קלאַנג . . .
מיט גליק פון אייביקייט באַהעפט —
געדאַנקען-גאַנג.

יונגע ליבע

ניט מיט די ליפּן צו דיר וועל איך זינגען,
מיין האַרץ ווי אַ פֿידל וועט שפּילן פֿאַר דיר
מיר וועלן פֿאַרחלומט צום טאַקט אירן שווינגען
פֿילבאַר ווי סטרונעס צו יעדן באַריר.

ניט שטאַמל פֿון ווערטער אויף הילפֿלאָזע ליפּן,
דיר אָנזאָגן וועלן ווי גוט עס איז מיר,
כ'וועל שאַפֿן זיך קלאַנגען, זיי שלייפֿן, זיי זיפּן,
פֿאַרפּאַסן אַ שפּאָגל־ניי ניגון פֿאַר דיר.

מיר וועלן שפּאַצירן און טאַנצן ביינאַנד,
יעדער גליד דיינער ווערן וועט נאָענט
און זינגען אַ ניגון וועט האַנט אין האַנט,
ווי סטרונע צו סטרונע האַרמאָניש געטאָנט.

מיין שטראָף

ס'האָט שטייפֿע קנאָספּ מיין בליק געפֿאַנגען —
אַזוי פֿיל מאָל דעם קוסט פֿאַרבייגעגאַנגען —
עס האָט מיין האַרץ גענומען קלעמען:
„ווי טאָר מען פֿרעמדע בלומען נעמען?!"

אַ ווייל בין איך ביים פּלויט געשטאַנען —
ניט געקענט אַוועק פֿון דאַנען —
איך האָב די קנאָספּ געטאָן אַ ריס
און ס'האָט מיך דאָרן דורכגעשטאָכן ווי אַ שפּיז...

פֿון פֿינגער וואַרעם בלוט אויף רויזן־קנאָספּן רינט,
איך האָב מיין שטראָף גערעכט פֿאַרדינט —
און שטיל איך בעט מחילה ביי דעם קוסט
פֿאַר מיין ווילדער, ניט־געצאַמטער לוסט!

לבנה-נאַכט

אין יוגנט כ׳האָב ביי דיר געזוכט דעם סוד פון לעבן,
געבאָדן זיך אין דיינע קילע שטראַלן.
דו פלעגסט פון זיי פאַר מיר גירליאַנדעס וועבן
און מיך פאַרפוצן ווי אַ כלה!

מיט זילבער־סטענגעס מיין בלאָנדן צאָפ פאַרבונדן
און שטיפעריש געוואונקען פון די רוימען,
ווי ליכטער האָסטו האָפענונגען געצונדן
פאַר נאָך ניט קלאָרע מיידל טרוימען.

אין אַ נאַכט אַזאַ האָט אַלץ אין מיר געזונגען;
מיין רייפע מיידלשקייט איך פלעג פאַר דיר אַנטפלעקן,
זילבער־גלעקלעך אין האַרץ האָבן געקלונגען,
ווי עפּעס וואָלטן זיי געפּרואווט דערוועקן...

כ׳בין דאַן געווען אַ פרילינג אין אַ פרילינג...
אַ ניט־צעוויקלט קנאָספּ באַדעקט מיט טוי —
לבנה־שיין און ליבע — זיסער צווילינג,
האָבן אויפגעוויררט מיין בלוט מיט אומרו פון אַ פרוי...

אַלט און שלאָפלאָז, איך פיל נאָך אָפט דעם ציטער פון דיין פּראַכט,
לבנה, ליבע, כישוף־שפינערין פון רוימען;
איך האָב אין מילדן שיין דיינעם געהאָפט, געוויינט, געלאַכט,
פאַרליבט אין ליבע... אין זיסע, פורעמלאָזע טרוימען!

אין זון־פֿאַרגאַנג

אין זון־פֿאַרגאַנג
דער טעם פֿון ניט־געבוירענע קאַיאָרן;
ווי סטעזשקעלעך צו ווייטע טעג
די קנייטשן פֿון דער הויט;
צער און נחת — ווײַן פֿון רייפֿע יאָרן —
אַ לעבן האָט דער מענטש זיי אָנגעטרויט!

אויף וואונדער־בריק
אַריבער באַלד־פֿאַרשוואונדענע אַמאָלן,
קלעטערער מיט גרינע פֿיס און צייט־באַשנייטע קעפּ,
אַ חידוש־בליק...
אַזויפֿיל באַרג־שפּיצן און טאָלן?
אַזויפֿיל שלענגלדיק־משופּעדיקע טרעפּ?!

אין ליכטיקן זעניט
דער אַלטער וועלט'ס נאַדיר*)
די שאָטנס אויפֿגעלייזט אין אימפּעט פֿון דער צייט:
ווייל וואו עס פֿאַלט אַ טראָט,
ווייל וואו עס פֿראַלט אויף טיר
איז אייביק לויכטנדיקע זון ניט ווייט!

*) נאַדיר — דער קעגנזײַטיקער פּונקט פֿון זעניט,
דער נידעריקסטער.

עס טוליעט זיך די עלטער

עס טוליעט זיך די עלטער אין נעכטנס אויסגעלעבטע,
איר זון־פאַרגאַנג באַצויבערט וועג צוריק:
עס ציט צו יונגע טעג אין לעבן איינגעוועבטע,
צום ראַשיק־פּליסיקן אַמאָל געצילט איז בליק.

וואָגיקער און קאַרגער ווערן רייפע טעג,
פאַרהאַרטעוועט ווי אָדערן אין אויסגעדינטן גליד —
און ווען זיי לאָזן ניט קיין פוסטריט אויפן וועג,
ווערט אומרואיק, ווערט אומזיכער געמיט.

נאָר ס׳ציילט ניט אירע יאָרן אַלטיטשקע נאַטור —
אין אַלע נעכטנס און אַמאָלן פלאַנצט זי איר אייביקן קאַיאָר.
פון אַלע לעבנס־טעג זי מערקט דעם מינדסטן שפּור
און שטייגט אויף זיי, ווי אויף צעגרינטע טרעפּ, פון דור צו דור.

ס׳דאַרף עלטער ווי בוים זיין פּרוכט — די רייפע יאָרן בענטשן,
דערפילן זאַפטיקייט פון פול־געלעבטע טעג אין איר געמיט
און חיות קלייבן פון זיין און זון, פון **ערד** און **מענטש**,
פון בליץ־און־שטורעם דראַנג, וואָס נעמט איר בייטראָג מיט!

עס קלאַפּט אַ האַרץ

דאַכט זיך וואָס ?
עס קלאַפּט אַ האַרץ...
יאָרן... צענדליק יאָרן לאַנג —
אין פּעסמונג זיכערער פון פלייש און ביין,
אין טיפעניש באַהאַלטן...
קיין אויג זאָל עס ניט זען,
קיין האַנט זאָל עס ניט פילן.
אין שטילן, גלייכמעסיקן גאַנג,
האַרמאָנישער באַגלייט —
באַשטענדיקייט אין צער און פרייד,
ווי מאַמישער געזאַנג ביים קינד־פאַרוויגן,
פליסט ריטמיש ניגון
פון כישוף־פולן זייגער־ווערק !

דאַכט זיך וואָס ?
לעבן־לאַנג קלאַפּט האַרץ אין גוף
דורך אָדער־נעץ אָן אָפּשטעל,
קרייזט אָן טומל בלוט פון זיין —
נאַהרונג־וויין פון האַרץ צום האַרץ צוריק
און מיטאַמאָל... עס ראַנגלט זיך אויף וואַקלדיקער בריק
פון לעבנס בין־השמשות...
עס וואָרנט, רופט :
איין אָטעם־צוג,
איין מעסטל לופט,
איין אָנהאַלט־שטרוי...
אַ טיפער, דיקער גרוי פאַרגייט אין שוואַרץ.
הילפלאָז צאַפּלט האַרץ...
אין מוח בינען בייסן,
בליץ־געדאַנקען רייסן־אויף דעם קאָפּ...
טראָפּ נאָך טראָפּ רינט אוים דאָס לעבן...

גרויע ווענט...
מיט פליגל־הענט ווייסע, שטילע טויבן
אַרום קראַנקן־בעט:
„אַ, געוואונען דעם געוועט... עס וועט זיין גוט!"...
אַ מענטש וויל גלויבן!
עס זינגט אויפסניי דאָס בלוט
אין גלייכמעסיק־געמאָסטענעם גאַנג:
טיק... טיק־טיק... טיק...
דאָס גליק פון זיין!
זיסע, מידע רו.
אויגן פאַלן־צו... און מיטאַמאָל —
אַ פרישער טאָל... קרעניצעס... בלימעלעך אין גראָז,
פייגל־צוויטשער... בינען־זשומען...
געקומען איז צוריק דער אַלטער ניגון —
אַ מאַמע־ליד ביים קינד־פאַרוויגן...
דאַכט זיך וואָס?
ס'קלאַפּט ווידער וואונדער־ווערק — אַ האַרץ!

גלאַדיאָלאַס

בײַ מײַן קראַנקן־בעט — גלאַדיאָלאַס.
יעדער קווײַט אַ שטאַפּעט —
אַ טרײסט־װאונק מיטן אויג,
אַ פרײַנטלעכער פאַרנויג.
יעדער שטענגל — אַ בוקעט...
אַ בליענדיקע משפחה — מאַמעס און קינדער.
בלומען און קנאָספּן — רײַפקײַט און אָנהויב,
פאַרהילט אין גרינע װיקעלעך
בונטער פּעטאַל־סאַמעט —
קנאָספּעס נײַ־געבוירענע
טוליען זיך נאָענט, נאָענט צום שטאַנג...
און מאַמעס שמײכלען מיט פאַרביקן געזאַנג
אין זײער רײפער פּראַכט!
איך ליג און טראַכט:
„אַה... ס'איז אפשר גוט אַ בלום צו זײַן
און כאָטש געצײלטע שעה'ען לעבן נאָכ'ן טויט...
כאָטש שענקען, אין פאַרגײן, אַ ביסל פרײד?!"
װי שטאַרקן װײַן
איך נעם דעם דופט אַרײַן,
איך צערטל פּעטאַל־סאַמעט פון שטאָלצע גלאַדיאָלאַס
און כ'פיל... כ'װער יונגער, קרעפּטיקער
פון אָט־דער בליענדיקער, שטאַרבנדיקער פּראַכט —
ס'װערט קירצער מיר מײַן קראַנקער טאָג
און לײַכטער װעט מיר זײַן מײַן שלאָפלאָז־שװערע נאַכט.

ווען כ׳וועל אַמאָל ניט זיין

ווען כ׳וועל אַמאָל ניט זיין,
כ׳וועל זיכער עפּעס אַנדערש ווערן —
זאָל זיין אַ טרויב פאַר וויין,
זאָל זיין פאַר ברויט אַ קערן...

עס ווערט דאָך ניט פאַרלאָרן
אַן אוצר פון געוועבן —
ס׳וועט זאַפט פון טעג און יאָרן
באַשאַפן נייעם לעבן.

וואָלט איך באַשטעלט מיין לוין —
אַ בלימעלע כ׳וויל ווערן,
מיט האַרץ פון גאָלד, מיט ווייסער קרוין,
מיט קעפּל צו זון און שטערן.

ס׳וואָלט עמיצער דאָס בלימל
אויף טישל אַוועקגעשטעלט
און ווידער כ׳וואָלט זען הימל,
און ווידער כ׳וואָלט זען וועלט!

אַ קוואַל אַ שטילער

צו דיין געבורטסטאָג

ס׳הערט זעלטן ווער ווי ס׳קוועלט אַ וואַסערל דורך ערד,
פון גראָז דאָס וואַקסן זעלטן ווער פאַרנעמט —
נאָר מיר איז הערן שטילן קוואַל באַשערט,
פאַרנעמען גוטסקייט דיינע, קינדעריש-פאַרשעמט.

דו קומסט מיט פולקייט זאַפטיקער פון אויסגערייפטע טעג,
מיט שטילע, ווייכע טריט דו גייסט ביינאַנד מיט מיר.
צוזאַמען, אונדזער שותּפותדיק־געשאַפענעם פאַרמעג,
דורך צייט זיג-זאַג מיר טראָגן צו צעפּראַלטער טיר.

אין גאַנג צום ליכט די שאָטנס לאַנג און שוואַרץ,
נאָר דיינע יאָרן יאָדערדיקע פירן ניט אַראָפּ —
ס׳איז זוניק גאָלד און זאַפטיק־גרין דיין האַרץ,
דער שניי אויף האָר איז חנ׳עוודיקע צירונג אויף דיין קאָפּ.

די צייט איז אַזוי בתולהדיק און פריש...
די וועלט — אַן עופ׳עלע... עס רירט זיך קוים,
איז אויסטראָגן דו מוזט די יאָרן פאַרן יום-טוב טיש,
ווי פרוכט דער איינגעוואָרצלטער, געזונטער בוים.

אַוועקגעפלויגן

ס'האָט טאַטע־מאַמע אים ווי אויג אין קאָפּ געהיט,
יעדן שטיינדעלע פון וועג זיינעם פאַרשאַרט,
איז ער געוואַקסן, ווי אַ בוים צעבליט,
נאָר געפילט האָט ער, אַז עמיצער אים נאַרט...

דורך פאַרהאַנג זיידענעם מיט נייגיר דורכגעקוקט,
געזען אַ לעבן זאַט מיט פרייד און וואונדן,
עס האָבן אַקסלען שטיל־נערוועז געצוקט —
פאַרוואָס האָבן טאַטע־מאַמע אים אין וויקעלעך געבונדן ? !

מיט זייער גוטסקייט בינדעס אָנגעטאָן אויף אויגן,
מיט איבערזאָרג געפּענטעט פיס און הענט
זיין יונגע וועלט מיט שלייערלעך פאַרצויגן,
אַ שטייגל אים געמאַכט פון גאָלדענע ווענט ? !

ליב ווי לעבן האָט ער טאַטע־מאַמען,
נאָר זייער גוטסקייט־קלעם ער קען זיי ניט פאַרגעבן :
ווי קענען זיי אַן אייגן קינד דעם וועג פאַרצאַמען
צום אייביק־רירעוודיקן, לעבעדיקן לעבן ? !

אַ טראַציקער ער האָט צעבראָכן ליבשאַפט־זיגל...
די דרויסן־וועלט געשלונגען מיט די אויגן...
ער האָט אַ פּרואוו געטאָן די יונגע פליגל...
און פויגל־פריי פון שטייג אַרויסגעפלויגן !

געזען האָבן טאַטע־מאַמע... זיך אָנגעקוקט פאַרטראַכט,
מיט טיכעלע געווישט די פייכטע אויגן...
זיך צאַרט אַרומגענומען... דורך טרערן זיך צעלאַכט :
„אַזוי... אַזוי... מיר זיינען אויך אַן זיי־געזונט אַוועקגעפלויגן..."

ג ל י ק

געווידמעט מיין זון

א גליקלעכער איז וויליק גליק צו געבן,
ווייל שווער פארדייען איז אליין אן אמת גליק.
איינזאם איז דער צער
וואס זוכט א טיר צום שכנס הארץ —
א שותף אינעם בראך פון לעבן.
יענעמס אויג איז א געשליפן שפיגל,
אין אים, ניט צוגעפוצט, דו זעסט דיין אייגענע געשטאלט,
דיין גליק אין יענעמס אויג צעשטראלט —
פארביידן א נחמה,
נשמה-בילד פון טיפסטן טיף,
פון דיר צו אים — א בריק . . .
טא האלט דיין צער, ווי שונא אונטער שלאס,
קיין אויג זאל אים ניט זען,
קיין אויער ניט פארנעמען.
אין שארפע קלעמען האלט אטעם
פון דיין אינערלעכן פיין,
ווי א מתנה טראג ארום דיין גליק צווישן מענטשן
און שטוין... עס וועלן אויגן, ליפן פריידיקע דיך בענטשן,
א גוט ווארט וועט דיך באגלייטן
פאר וויין פון גליק צוזאמענדיק-פארדייטן!

צו דיר, מיין מאַן

מיין — איין־און־איינציקער,
ביסט ניט אומזיסט מיר נאָענט
ווי אייגן הויט אויף לייב,
ביסט טייל פון מיר, דיין חברטע און ווייב...
הויב איך דעם כּוס
פון שטילן גליק מיט דיר... און שטוין...
ווי אין נס־חנוכּה דאָס אויל אין טעמפּל,
ווי אַלאַדינס צויבער־לעמפּל...
דער כּישוף דויערט שוין
אַ גאַנצן לעבן־לאַנג!
דו קיילעכסט אוים אַצינד
דיין זיבעטנטע דעקאַדע...
מיט שניי אין האָר
מיט פרילינג אין געמיט,
מיט שטעל נאָך פעסט און פריש...
א״ז גוט אַוואַדע
צו זיצן אַרום טיש מיט פריינט,
מיט וויין און ליד
און לייגן ווינקלשטיין פאַר נייעם צענדליק
פון מי, פון רו און גליק!
טאָ זאָלן יאָרן דיינע רייפן אינעם פעלד ווי זאַנגען,
זאָלן ברכות און געזאַנגען פון קינד און קינדס קינדער
(דיין אייביקער צושטייער צו דער וועלט)
באַגלייטן דיינע וואָך־און־יום־טוב טעג
מיט ליכטיקן רעפריין...
און ביידע, איך מיט דיר, זאָלן
מיט זיכער־איינגעהאַלטענעם שפּאַן
ווייטער גיין, מיין מאַן... מיין טייערער בן־יחיד!

מיין ערשטלינג

ווען איך האָב דאָס לעצטע וואָרט אין ערשטן ליד געשטעלט,
האָט אויפגעלויכטן פאַר מיין בליק אַ כישוף־וועלט.
כ׳האָב נאָך און נאָכאַמאָל דעם פערז געמאָסטן און געוואויגן
און בונטע פלעמעלעך געזען פאַר מיינע אויגן.

דורך פען געזונגען האָט מיין שעפערשער געמיט,
ס׳האָבן ווערטער בלימעלעך זיך פרילינגדיק צעבליט
מיט שעמעוודיקן חן מיך אָנגעקוקט... געשוויגן —
דורך ריטם האָט געשפּילט אַ יוגנטלעכער ניגון.

מיין ערשטלינג איז אויף וועלט אַ שוואַכינקער אַרויס.
כ׳האָב אים אין לעבן פיינטלעכן געטאָן אַ שטויס,
גענומען אים מיט בלוט פון האַרצן נערן
און גלויביק אים אַ הויב־געטאָן צו וועלטן, זונען, שטערן!

צווייגן גרינען

צווייגן גרינען אויף צעברענטן שטאם —
וועלן בליטן קומען, וועלן פירות ווערן;
בשורות קומען איבער ווייטן ים —
וועלן גרינע ביימעלעך אין וואַלד זיך מערן.

אידיש וואָרט — אַ האַנט־דרוק פון אַ פריינט,
אידיש קלאַנג — אַ ניי־פאַרשטאַרקטע בריק;
פאָלק מיט פאָלק פאַרקניפּט אין גרויסן היינט,
לאַנד מיט לאַנד אין פרידן־בונד און גליק!

ליד פון ניי־געבוי, ליד פון פריש־פּאַרזיי,
ליד פון אויפברעכן די בתולהדיקע ערד,
אָפּקלאַנג היימישער אויף וועגן ווייט און ניי,
קליינער קול אין גרויסן בוי־קאָנצערט.

וועלן פרילינג־ווינטן זייען בלומען־שטויב
איבער ווייטסטער ווייט, איבער טיפסטן ים —
יעדער קלאַנג אַ גרוס; יעדעם וואָרט — אַ טויב —
וועט פון אַלטע וואָרצלען קוועלן נייער טעם!

איר היים איז אַ תּפיסה

איר היים איז אַ תּפיסה מיט אָפענע טירן,
אָן פענצטער די פּיס, נאָר זי קען זיך ניט רירן...
שטום איז איר צונג, ווי אין אַ גלאָק אַ צעבראָכן,
די אויגן . . . זיי זעען,
די אויערן האָרכן . . .
פרילינג־געראַנגל, אַפּריליקער רעגן,
עס חנדלט זיך זון אין די רינעס ביי וועגן,
שפּראָצעלעך שמייכלען... אַ פינגער די גרויס,
אַ פלאַטערל שיילט זיך פון קאָקון אַרויס,
אַ שוועלבעלע האָט זיך אַ פּאָר שוין געפונען,
צוזאַמען שוין באַלד זיך אַ נעסט אויסגעשפּונען...
נאָר זי זיצט און בענקט נאָך נעכטיקע טעג,
נאָך יאָרן־מיראַזשן פאַרשוועגדט אויפן וועג...
זי האָט אין איר איינזאַמקייט קאָמפּאַס פאַרלאָרן.
איר אייגענע היים איז אַ תּפיסה געוואָרן —
אָן פענצטער, אָן גראַטעס, אָן שלאָס!
איר יעטווידער טרוים איז מיט שפּינוועב פאַרבונדן,
עס נאָגן אין טיפקייט אומהיילבאַרע וואונדן...
דער וועג צו איר האַרצן פאַרוואָקסן מיט קראָפּיווע־גראָז!

אַליין

ער האָט געזוכט צו זיין אַליין, **אַליין,**
ווייל שווער איז אים געוואָרן זיין אַליין... צוזאַמען.
געפּרואווט די וועלט מיט בלינדער וואַנט פאַרצאַמען,
אויף ביי־וועגן פון שטורעם־דראַנג
פאַרקערעווען זיין גאַנג.

איצט דריקט ווי שטיין זיין ביטערע **אַליינקייט** —
אַ האָרב אויף זיין געמיט!
ווי פליג פאַרבלאָנדזשעטע, זי זשומזשעט אין זיין אויער;
זי האָט זיין האַרץ אין אייז־גליווער פאַרשמידט,
ווי שקלאַף פאַרשפּאַרט אים הינטער אייגענעם טויער.

איצט שרייט די לײדיקייט פון זיינע טעג,
איצט קרעכצן איינזאַם־אויסגעבענקטע יאָרן.
עס איז אים שווער געוואָרן זיין אַליין... **אַליין**
צום זוניק־ברייטן שליאַך ער קומט צוריק —
צוזאַמען... קאַמף און דער צוזאַמען־וועג צום גליק.

גערזאַנג

ברויט און זאַלץ און עפּעס מער,
ערשטער מענטשלעכער באַגער.

קלייד און שוך, מונטער ליד —
זינג־פויגל אין זיין געמיט.

בילד און בוך, פאָלקס־מוזיק,
נאָך אַביסל פרייד און גליק.

לופט און הימל ריין פון טויט
און אַ היימיש טיש געגרייט.

מאַן און פרוי מיט קינד ביים זייט
און אַ וועלט פון שרעק באַפרייט.

מענטש און מענטש אין פריינטשאַפט־גאַנג,
שענסטער, פריילעכסטער געזאַנג!

אַ טעפּעלע קאַווע

אַ טעפּעלע קאַווע, אַ שטיקעלע טאָרט,
אַ שמועס וועגן גאַנג פון דער וועלט,
דערגרייכונג דאָ, דורכפאַל דאָרט,
אַ בריק ווערט איינגעשטעלט...

אַ מיינונג פאַר, אַ טענה קעגן —
ס'ווערט אַן ענין קלאָר,
דורך בריטן שליאַר, דורך שמאָלע וועגן,
גייט יעדער צו וועלט'ס קאַיאָר.

אַ טעפּעלע קאַווע, אַ וויץ, אַ ליד,
אַ מענטש אַ מענטשן האָט דערקענט...
רינג צו רינג און מענטש דער שמיד —
אַ קייט פון חבר־הענט!

טויבן

עם קושן זיך אין פיסקעלעך צוויי טויבן —
פרילינג מוז שוין זיין ניט ווייט —
די „זי", ווי יונגע כלה, האָט קעפּעלע פאַרהויבן...
זי האָט אין לייב דערפילט ס'איז ליבשאַפט-צייט...

גייט זי, חנדלט זיך; דער חתן הינטער איר...
ער וויל זיין טייבעלע אַ סוד פאַרטרויען.
מיט שנעבעלע ער טוט זי צאַרט אַ ריר:
„געליבטע מיינע... צייט אַ נעסטעלע צו בויען!"

די „זי", אַ גרייטע, קוקט אויף איר געליבטן,
ווי קיינער וואָלט אין פּאַרק ניט זיין חוץ זיי...
וואַרקען שטיל-האַרמאָניש צווישן רויזן, עקאַליפּטן,
דאָס ליד פון פרילינג און פון המשך טויבן צוויי!

ערשטער ראַנדעוואו

איר גוף, ווי פּאַלמע שלאַנק,
אירע האָר — אַ ווינט־צעוויייטע קרוין.
ווי פרישער טייג
איר פרוויאישקייט, איר מיידל־חן
און ווייך אַזוי איר פּנים,
ווי בלום אַקאָרשט פון בייט...
דער טוי אויף שאַטנדיקע ברעמען שטייט,
אין גלאַנץ פון אויגן־בלוי,
פאַרטאַיעט וואַרט דער שלאָף —
זי הויבט פאַרשייט דאָס קעפּל אויף,
ווי שטאָלצער לאָשיקל —
די גריווע אויף אַ זייט
און גייט...

— — — — — — — —

אַ שמייכל,
אַ פאַרנויג,
אַ שימער־בליץ פון אויג צו אויג...
אָננאָמענדיקער ציטער,
זיסע אומרו...
ערשטער ראַנדעוואו.

אַ יונגע באַלערינע

(טאַנץ צו דער מוזיק פון עדוואַרד גריג: „דאָס פויגלײַן")

ווי סטרונעס די גלידער פון קינד־באַלערינע —
זיי זינגען אויף ברעטער פון גלאַנציקן דיל;
ווי ווינטל צעוויט איבער ליכטיקער בינע —
אַנוואַגיקע זיסקייט — האַרמאַנישע שפּיל.

פּיסעלעך שלאַנקע ווי שטענגעלעך דין,
הענטלעך ווי פליגל צו אָפפליען גרייט —
אין שיכעלעך ווייכע פון ראָזן סאַטין
זי שפּינט אויס אַ חלום פון אומעט און פרייד.

אויף פּיס־שפּיצן לייכטע מיט שפּרונג און געדריי,
אַן אומגליקלעך פייגעלע איז זי אַצינד —
אַ פּיצעלע נאַר־וואָס אַרויס פונעם איי...
איר נעסטל צעשטערט פונעם ווינט.

יעדער ריר, ווי מיט פּענזל אויף קאַנווע געפאַרבט —
זי פאַלט פונעם נעסטל אַרויס...
אַ פלאַטער, אַ ציטער, אַ צאַפּל — זי שטאַרבט
מיט קעפּל פאַרוואָרפן אין שויס!

ס'האָבן טאַנצנדיק גלידער אַ מעשה געשפּונען
אין בונטן האַלב־טונקל פון בינע —
ס'האָט זיסקייט פון שאַפן אין הארצן געפונען
אַ ליבינקע קינד — באַלערינע.

פון פרוכט דער זיסטער ווײַן

אַ קינד איז צאַרטער שפּראָץ פון יונגע טעג,
אַן אייניקל — פון פרוכט דער זיסטער ווײַן,
אַן אור־אייניקל איז פּרילינג־דופט אויף ווינטער־וועג,
בלום פון שפּעטן האַרבסט געטונקט אין חן.

אַ קינד פאַרשלינגט די בעסטע יונגע יאָרן,
דעם אייניקלס געלעכטער ברענגט זיי שנעל צוריק,
נאָר ווערט אַן אוראייניקל געבוירן,
ווערט האַרץ אַ בעכער פול מיט עכטן גליק.

קינד און קינדס־קינדער צעפרילינגט ביידן,
ווען ווינטער האָט מיט שניי די קעפּ פאַרווייעט —
אַ ליכט פון אייביקייט שטראַלט־אויס פון באָבע־זיידן,
זאַט מיט מילד־באַיונגטער, נחתדיקער פרייד.

מאַריאַ פון פּערו

מאַריאַ פון פּערו
גיט דזשימען ניט קיין רו —
אַ קאַמעליאַן* איר געמיט —
דאָ זאָגט זי יאָ, דאָ ניט!

וואָס וועט ווייטער זיין?
זי לאָזט אים ניט אַריין...
ער פילט ווי אויגן ברענען,
זי וויל אים מער ניט קענען.

שטייט ער הינטער טיר
און בעט זיך שטיל ביי איר:
„לאָז אַריין אין הויז...
איך בעט דיך, הער מיך אויס.״

„מאַריאַ, כ׳בענק נאָך דיר,
עפן אויף די טיר.״
מאַריאַ הערט און לאַכט —
אויף דעם האָט זי געוואַרט.

זי פּוצט זיך צו אַביסל
און טוט אַ דריי דעם שליסל.
עס ווערט דאָרט גאָר, גאָר שטיל —
געוועון אַ ליבע־שפּיל...

עס וואָרקען שטיל צוויי טויבן
ביז זון קלאַפּט אָן אין שויבן.

---

*) קאַמעליאַן — אַן עקדיש, וואָס בייט דיינע קאָלירן.

מיין וואַזאָנע

עס וויקלט זיך אַ בלאַט אויף מיין וואַזאָנע,
נייע גרינקייט העלט און גלאַנצט;
ס'איז יעדעס בלעטעלע אַ טייערע מתנה,
פון שפּראָצעלע וואָס איך האָב איינגעפּלאַנצט.

פון זון און וואַסער פורעמט זי געוועבן,
יעדעס בלעטעלע אַ נייער וואונדער;
אַכט בלעטעלעך זי האָט מיר שוין געגעבן,
גרים איך יעדערע פון זיי באַזונדער.

פאַר מיינע אויגן סוד פון דער יצירה,
יעדעס שפּראָצעלע אַ טייערע מתנה;
דופּטיק־פריש ווערט אין מיין דירה —
כ'ווער אַ שותף מיט מיין בליענדער וואַזאָנע.

אַ שוואַנגערע פרוי

זי טראָגט מאַיעסטעטיש איר גאָב צו דער וועלט,
צום גאָלד פון דער זון, צום הימלישן בלוי.
אין אויגן אַ נייקייט, אַ מאָדנע צעהעלט —
דער סוד פון אַ שוואַנגערע פרוי.

זי טראָגט ווי אַ בוים, אַ צעבליטער, איר פרוכט
צו טעג פונעם לעבן, צום אוצר פון מענטשן.
אין צאַפּל פון קינד אונטערן האַרצן זי זוכט
איר גבורה די מאַמישע ווייען צו בענטשן.

אין גוף אָנגעשפּאַנטן פון מאַמע און ווייב,
אַ זיסינקער ניגון גייט אויף שטילערהייט;
זי טראָגט אַ מתנה — אַ מענטש אין איר לייב —
צום קיום פון לעבן מיט האָפענונג און פרייד.

לעצטע בלימעלעך

לעצטע בלימעלעך פון האַרבסט
לעכצן נאָך אַ שטראַל,
ווי איך, וואָס זוך אין וואָלקן
פאַרב פון רעגנבויגן.
ווי צוזאָג איז דער קרעכץ
פון בונטן בלעטער־פאַל,
גאָלד פון האַרבסט
איז פרישער גרין אין מיינע אויגן.

אפילו אינעם ווינטער
פרילינגט מיין געמיט,
אפילו אינעם וויכער
הער איך פייגל זינגען —
דער בלעטער־פאַל, דער האַרבסט־פאַרזיי,
מאַי־גלעקלעך אונטער פריר פון שניי
מיט בשורות קלינגען —
ס'וועט זיין אַ זומער־שניט.

נעגער-לידער

● „מײַנע הענט, מײַנע שוואַרצע הענט,
ברעכט דורך די וואַנט!
געפֿינט מײַן חלום!
העלפֿט מיר אױפֿטרײַסלען די פֿינצטערניש,
צעשמעטערן די נאַכט,
צעברעכן דעם שאָטן אין טױזנטער שטיקער זון,
אין װירבל־געדרײ פֿון טױזנטער
זוניקע טרױמען!"

לענגסטאָן היוז: „איך בין געװאָרן עלטער"

אַמעריקע, מיין היים

אַמעריקע, מיין לאַנד, מאָזאַאיק פון קאָלירן,
דער טעם פון פעלקער אין דיין פאָלקס־געמיש —
אַמאָל האָסטו צעעפנט טויערן און טירן
און פרייהייט־זוכער איינגעלאַדן צו דיין טיש.

אַמעריקע, מיין אויסדערוויילטע היים — האַרמאָניע פון שפּראַכן,
זיפץ און פרייד פון פעלקער — חן אין דיין געזאַנג.
צעטראָגן האָבן עכאָס איבער בערג און פלאַכן,
דעם פּיאָנערן אימפּעט פון דיין געוואָגטן גאַנג.

ביסט היים פאַר לאַנדסלייט פון אַ וועלט,
קולטורן טיף פאַראַנקערטע אין דיינע ריזן־שטעט,
דו האָסט אוזאָרן קונציקע מיט ליבשאַפט אויסגעשטעלט
אויף כּישוף־טעפּיך פון אונזער היימישער פּלאַנעט.

צו דיר האָט פרייהייט־דאָרשט איבערן ים געטריבן,
צו דיר, דעם חלום־לאַנד, צעשפּרייט פון ברעג צו ברעג...
נאָר דו ביסט וואַנדערער אַ גרוים בעל־חוב פאַרבליבן —
האָסט קראַפּיווע פון ראַסן־האַס ניט אָפּגעראַמט פון וועג.

דיין נעגער־פאָלק — ניט מער ווי גראָז נידעריק, ווי וואַסער שטיל,
אויף גאַסן איז אָרוים דעם חוב פון פרייהייט מאָנען;
ער איז דער העלד אין גרויסער פעלקער־שפּיל,
אין קובאַ, אַפריקע און אַזיע, זיין נאָמען — לעגיאָנען.

אַמעריקע, מיין היים, ווער לאַנד פון צוזאָג ווידער —
דיין נאָמען איז אַמאָל דאָך „נייע וועלט" געווען;
שטרעק אויס דיין האַנט צו אַלע פעלקער־ברידער
און זאָל אין אונדזער צייט דער שלום־נס געשען!

וויג-ליד פון אַ שקלאַפן-מאַמע

מיין קינד, מיין איינציק־איינגענער פאַרמעג!
גאַנצע ניין חדשים ביסטו מיינס געווען...
אין מיין לייב געזונגען האָסטו אויף מיין שקלאַפן־וועג,
צווישן קויט און קייטן כ'האָב בלויז דיך געזען!

זויג, מיין מלאכל, זויג ביז בלוט...
איך וויל זאָלסט לאַנג מיך אין דיין וועזן פילן.
זויג־איין מיין שטאָלץ און זיי צו ברידער גוט,
ס'זאָל פאַלשער שמייכל קיינמאָל צאָרן דיינעם שטילן!

דיין פנימל, ווי סאַמעט גלאַט און שוואַרץ,
דיינע שאַרפע אויגעלעך זעען זאָלן ווייט...
דריק זיך, קינד מיינס, נעענטער צו מיין האַרץ
און הער מיין חלום זינגען: „מיין קינד וועט זיין באַפרייט."

זויג, מיין דימענטל, באַלד נעמט מען דיך אַוועק,
די „גרעני" וועט ווי אַ בהמה האָדעווען דיך פאַרן האַר,
זויג, מיין איינציקער, מיין אייגנסטער פאַרמעג,
ווער שטאַרק פאַר ביטער לעבן פון שפּאָט און פון געפאַר!

אויב עס וועט „דאָס גרויסע הויז" דיך נעמען,
האַלט אויגן אָפן... לערן, לערן, לערן.
געדענק! מיט שוואַכקייט זאָלסטו מאַמען ניט פאַרשעמען—
דו וואַקסט אַ העלד פון שוואַרצן פאָלק—וועסט שקלאַפעריי צעשטערן!

זויג, זויג צו זאַט — געזונטע שקלאַפֿן ווילן שונאים,
מיט יעדן צי, כ'וועל בענטשן דיך און זיי פֿאַרפֿלוכן,
כ'וועל שפּעטער יעדן שקלאַפֿן-קינד אַרײַנקוקן אין פּנים,
און דיך, מײַן צוגערויבטן קינד, מיט אויגן זוכן...

מײַן קינד! דערווײַל מײַן אייגענער דו ביסט!
מײַן ליבשאַפֿט אין דײַן הערצעלע זאָל זײַן ווי ווינטער-צווײַט,
שלאָף, מײַן אוצרל, בײַ מײַנע פֿולע בריסט,
זאָל ווי מאַגנאָליע אין פֿרילינג דײַן האָפֿענונג זײַן צעבליט!

באַמערקונג: „גרעני״—אַן עלטערע פֿרוי, אַ באָבע. אין שקלאַפֿערײַ איז עס דער נאָמען פֿון אַ שקלאַפֿין, וואָס קען שוין מער ניט אַרבעטן אין פֿעלד צי אין הויז. מען נעמט אַוועק די קינדערלעך פֿון מאַמעס און מען האַלט זיי אין אַ „קאָמפּאַונד״— אַזאַ מין שטאַל. מ'האָדעוועט זיי ווי פֿי, זיי זאָלן זײַן שטאַרק גענוג צו אַרבעטן פֿאַרן שקלאַפֿן-האַר.

די לעגענדע העריעט טובמאַן

„איך האָב געזען זייערע טרערן, געהערט זייער זיפץ און קרעכץ
און איך וועל געבן יעדן טראָפּן בלוט אין מיינע אָדערן זיי צו באַפרייען."

(רעדע פון העריעט טובמאַן)

העריעט — לעגענדע אין לעבן,
סימבאָל — אין טויט,
טרייסט אין לאַנג פאַרשפּעטיקטן קאַיאַר פון נעגער-פאָלק —
דערפרישנדיקע קרעניצע פון מוט און שוואונג!

זי — אַן נאָמען, אַן „צונג",
מיט יאָך פון קנעכטשאַפט אויף יונגע פּלייצעס,
איז רעדעוודיק געוואָרן!
איר שוועסטער-ברודערס היטער,
זייער „משה"-באַפרייער!
איר שטעקן — צאָרן-צונטערדיקער דאָרשט
צו זיין אַ מענטש!

זיכער ווי דעם טרייבערס רוט,
ווי זון וואָס קומט און גייט,
ווי שוויים און מי אויף פרעמדן פעלד —
ווי טויט אליין...
געווען איז העריעט אין וואונדער-וואַנדער גאַנג:
מיט געזאַנג און ביקס,
דורך זומפּ און וואַלד,
לויט שיין פון צפון-שטערן,
לויט גרינעם מאָך-גליטער אויף שטאַמען,
זי האָט אין שוים פון נאַכט,
ווי ביי אַ מאַמען שוץ געזוכט
פון שקלאַפעריי.

ס'האָט „גרעני", די אויסגעדינטע שקלאַפֿין,
ניט געלערנט העריעטן רעכענען און שרייבן —
בלויז טריי־בלייבן דעם קויפֿער פֿון איר לייב!
ניט מאַמע זיין,
ניט ווייב צו אַן אייגענעם מאַן —
אַ שקלאַף־וואַרשטאַט — אים שטאַרק און זאַט מאַכן...
אַ צוגאָב זיין פֿאַרמעג!
זיינס אַ „זאַך" — קויף, פֿאַרקויף, דריק, שלאָג...
דעם האַר'ס די נאַכט, דעם האַר'ס דער טאָג —
אַלץ וואָס האָט אַ ווערט...
אין פֿעלד אַ לאַסט־פֿערד... מוסקול־דראָט,
אַ תאווה־שפּילכל לויט זיין געבאָט!

פֿאַרוואָס? — זי פֿרעגט איר מאַמען;
פֿאַרוואָס? — זי שרייט צו גאָט;
פֿאַרוואָס? — זי פֿרעגט די זון און שטערן,
וואָס שיינען אויך פֿאַר איר ביי טאָג און נאַכט;
פֿאַרוואָס? — זי פֿרעגט דעם גוטן רעגן, וואָס קילט איר שוויס,
וואָס קוויקט איר האַרץ . . . פֿ־אַ־ר־וו־אָ־ס?
אַן אייביק פֿרעג־צייכן אין העריעטס אויגן,
אַ כמאַרע איבער טעג אירע פֿאַרצויגן...
דער גלח: „ביסט גאָט'ס קינד... אַלע גלייך... קינדער פֿון איין גאָט."
צי ווייסט ער ניט? צי מאַכט ער שפּאָט?
גאָט?! מיט אים זי פֿירט אַ שטענדיקן וויכוח —
יאָגט מען דען „ווייסע" מיט שמיץ ביז ביין?
מיט קלעפּ ביז בלוט?
ניט אירער איז אַ גאָט, וואָס בענטשט די רוט, וואָס שווייגט!
העריעט: פֿאַרקויפֿט צו דריי... צו פֿינף — אַ דינסט...
צו זעקס... אין פֿעלד... שפּעטער... קינדער־טרעגער
פֿאַר וועלט פֿון האַר און קנעכט —
גאָט, זאָג: איז דאָס ג־ע־ר־ע־כ־ט?!

אפילו אונטער טרייבערס אויגן
איז הערי׳עטס דמיון ווייט געפלויגן,
אפילו בייטש האָט שליטה ניט געהאַט
איבער איר טרוים:
„דאָרט אין וואַלד... הינטער אַלטן בוים אַ גרעניץ איז פאַראַן...
צווישן דאָ און דאָרט אַ בלוטיק־שווערער שפּאַן”
הערי׳עטס חלום קייטלט זיך אין שטיל —
אַ היים, אַ דאַך, אַ מאַן און קינדער פיל...
אין אויגן ווידערשפּעניקייט,
אין האַרצן — פלאַמען־צונגען... וועט איר געלונגען?!

ווי האָגל שמייץ פון קנוט.
זי לויפט... זי לויפט... אויף זאַמד־וועג סטענגעס בלוט...
זי לויפט... מיט בלוט־הינט אין געיעג...
אָנמאַכט... דערוואַכונג־גרויל...
צעגויפגעדרייט אין קנויל זי ליגט אין חזיר־שטאַל.
אַ חזיר־מאַמע מיט קינדער פיר,
קוקט מיט פאַרדאַכט אויף איר;
אַ כריוק, אַ שטויס — „אַרויס... אַרויס!”
זי שילט מסתמא אויף איר חזיר־שפּראַך:
„וואָס איז עס? וואָס וויל עס, אָט די „זאַך”?!”

גיי, זאָג דעם חזיר ווער דו ביסט...
זי ווייסט עס דען אַליין?
„האַש־האַש... פיגי־וויגי... ניט יאָג... באַלד איז טאָג.”
צום וואַנט זי שאַרט זיך צו... רו!
פינף טעג און נעכט אין הונגער און אין מיסט,
געווען איז הערי׳עט, אַ ניט־געבעטענע אין חזיר־הויז...
זי איז אַרויס... געוואָרט אויף איר האָט צפון־שטערן,
שאָטנס־שונאים... אויסטערלישע, שרעקפולע געשטאַלטן,
געדוכט — זיין קומען ... זיי קריכן בייז פון אַלע שפּאַלטן...

ציים לויפט,
ציים קריכט . . .
ציים — אַ סאָווע נאַכטיקע... אַ בשורה־טויב!
אַ ליכט אין שויב... אַ היים... אַ טיר...
און ס׳עפנט זיך פאַר איר אַ נייער אָנהויב:
אַ ווייכער, ווייסער מאַמע־פּנים,
אַ שמייכל, ווי די זון . . .
צוויי ווייסע הענט, ווי פליגל אַרום איר גוף:
„וועלקאַמען, שוועסטער, קום אַריין."
טרערן מישן זיך ווי ווייַן,
האַנט־געפלעכט פון ווייס און שוואַרץ,
עס יובלט האַרץ מיט טויזנט פריידן —
„אַ . . . דאָס איז גן־עדן."
זי רירט דעם באָדן אָן מיט האַנט —
געבענטשט זײַ לאַנד! געבענטשט זײַט, פריינט!
געבענטשט זײַ היינט!

ווי רינגען אויף אַ בוים די יאָרן,
אויף אָפּגעהאַקטן שטאַם פון הערייעט׳ס שקלאַפן־זײַן —
שווייס, שמיץ, שפּאָט, פּיין —
די „זאַך" איז מענטש געוואָרן:
פייער־פערד — איר איינגעשפּאַנטער צאָרן,
טראָגט זי, ווי אַ שטורעם־כוואַליע הין און הער,
איר געווער — פּיסטויל און תּפילה,
איר הילף — שטילע קרייצוועגן פון אונטערגרונט־מאַרשרוט.
הערייעט׳ס רייד — פייגל פון שטייגן,
ברענגען גרויל פון שקלאַפעריי אין ווייסע, רואיקע שטיבער...
איבער ברעגן פול איז כוס פון שקלאַפישער געדולד!
הערן ווייסע פריינט פאַרשעמטע רייד,
פּראָסטע, ניט געהובליעוועטע, שאַרפע רייד...
ווי אויפגעוואַכטער פייער־באַרג איז קנעכט,
וואָס מאָנט זײַן רעכט!

„פרייהייט אָדער טויט... מיינע איינציקע רעכט...
איינס פון זיי איז מיר באַשערט!"
העריעט'ס מוט — אַ דאַמבע אויפגעריסענע...
זי רייסט ריגלען... שמעטערט טירן... עפנט פענצטער צו דער זון...
פאַר וויג פון שקלאַפן־קינד...
רו איז זינד!
שטילשטאַנד — שאַנד!
העריעט — פרייהייט־פּאַרטיזאַן —
אין זעלנערשן מונדיר, מיט ביקס, ווי מאַן,
אין גרויען קלייד,
פון אונטערבאַן צום שלאַכטפעלד,
פון פּלאַטפאָרמע צום שפּיטאָל...
אומעטום און אַלעמאָל אין דינסט פון שקלאַפן־פאָלק;
זי איז זיין מאָרגנשטערן אין פאַרהאַלטענעם באַגינען
פון געפּענטעטן קאַיאָר —
איר וואָר — לעגענדע,
דענקמאָל אייגענער דער פרוי, דעם מענטש פון שקלאַפן־דור!

מיט דזשאָן בראַון און נעט טוירנער,
מיט דענמאַרק וועסי, און פרעדריק דאַגלאַס,
מיט סוזאַן בי. אַנטאָני, מיט ליוסי סטאָון, לוקרעציאַ מאָט
זי גייט אין טראָט...
איין ריטם, איין שפּאַן פאַר שקלאַף, פאַר פרוי, פאַר אַרבעטסמאַן
איין קלאַפּ דער שקלאַפעריי!
העריעט צאָלט... פאַר גוטס מיט גוטס, פאַר האַס מיט בליי —
ווי „משה" פירט זי קנעכט דורך געשפּאָלטענעם ים
צום פרייהייט־ברעג,
צום גרויסן, שווערן אָנהויב!

אין ניו־אָרלעאַנס, ווירדזשיניאַ, דזשאָרדזשיאַ, טענעסי,
צווישן יונג און אַלט — אַ העריעט געשטאַלט:
שטימען אַלערליי,
נעמען אַלערליי,
הויטן אַלערליי,
גלויבנס אַלערליי —
טרעטן סטעזשקעס אויס דורך ווילדגראָז פון נעגער־פּרעסערישער ריי;
העריעט — אין רעסטאָראַן, אין קינדער־שול,
אויף ברייטער גאַס, אין זאַלן פול,
אויף בינע און אויף ראַגן...
אומעטום די פוסטריט פון איר גאַנג;
אויף אַלע סקווערן — שטעמפּל פון איר מוט;
אין אָדערן פון בראַווע איר בלוט שפּילט זיג־געזאַנג —
עס נעמען אייניקלעך פון קנעכט
ירושה־רעכט מיט העריעט׳ס ליד.

ניט דורך טויבע נעכט,
ניט לויט גליטער פון מאַך,
ניט לויט שיין פון שטערן לויפט דאָס נעגער־פאָלק פון יאָך אַצינד
אָפן, גלויביק, גרייט און טראָציק
איבער בריק פון פאָראורטייל עס גייט צום נייעם היינט!
אַ וועלט מיט פריינט,
אַ וועלט מיט ברידער — שותפים אין זיג פון קלענסטן שטעל.
מיט מאַמעס מילך עס זויגט דאָס נעגער־קינד דעם נייעם ווינט,
דעם האָניק פון דערוואָרבענע נצחון־טריט צום שוועל...

— — — — — — — — —

העריעט — לעגענדע און סימבאָל —
טרייסט אין לאַנג־פאַרשפּעטיקטן באַגינען פון איר פאָלק —
פּול־פּנימדיק, פּול־אויגיק, פּול־שפּראַכיק, ווייס און שוואַרץ,
זי בענטשט דאָס גרויסע האַרץ פון לאַנד, וואָס לייטערט זיך פון שאַנד!

„סאָדזשווירנער טרוט"

„מיטגייער פון אמת — סאָדזשווירנער טרוט!"
איר וויג־ליד — קלאַנג פון קנוט און קייט,
פון קרעכץ און נויט —
פון שקלאַפן־פאָלק — די שענסטע, רייפסטע פרוכט!
יונג, שטאַרק, גלויביק,
זי זוכט דעם פונק פון גאָט אין יעדן הארץ,
צעבלאָזט אים אין אַ פלאַם,
צעפייערט אים אין בלוט
מיט מוט און קול פון אַ נביאה...
הענט, ווי אָדלער־פליגל,
גרייט צו בענטשן
מענטשלעכקייט אין מענטשן,
אויסגעשטרעקטע האַנט
צו אויסלייזן איר פאָלק פון פינצטערן „מצרים־לאַנד."

ווערטער — שטורעם־פייגל,
ווערטער — הייסער פריסיק —
פון ביכער ניט גענומען, פון קיינעם ניט אנטליען,
פליען אין דער לופטן,
בריען „ווייסן" געווויסן מיט שולד פון שווייגן,
מיט זינד פון געדולד...
מיט פרימיטיוון שכל פון נאַטור
עס פליסן אירע רייד —
זיי קייטלען זיך ווי פערל אויף אַ שנור!
ווי קוואַל פון אונטערגרונט, וואָס בויערט באַדן,
מיט סטיכיש־שטאַרקן שטוים געלאָדן,
זי ברענגט די שקלאַפן־פלאָג און שאַנד
איבער דעם מייסאָן־דיקסי גרענעץ־פראָנט אַריבער...
צעשטערט ווערט רואיקייט אין ווייסע שטיבער!

איינמאָל דערהערט זי שונא׳ם קול:
„ליגנער, ליגנער, ביסט גאָר פֿאַרשטעלטער מאַן...
באַוויז, באַוויז וואָס ס׳איז אונטערן קלייד פֿאַראַן!״
אַ שמייכל... און אַ לייבן־ברום:
„העי, דו... אַהערצו קום... דו שוטה איינער וואָס דו ביסט!״
זי פּליקט איר קלייד, אַנטבלויזט די ברוסט:
„אויף דיר, דו טייוול־קינד, די גרויסע זינד!
דו זעסט?! זיי האָבן שקלאַפֿן פֿאַרן האַר געזויגן...
מיינע האָבן ניט מילך, נאָר בלוט פֿון זיי געצויגן...

זאָל גאָט דיך שטראָפֿן, וויסטער נאַר!
מיך שרעקט ניט קיין געפֿאַר,
מיין וואָרט, מיין פֿלייש און ביין
איז ווי מיין אמת ריין!״

„סאָדזשוירנער טרוט״!
וויציק, שאַרף און קלוג —
זי האָט פֿאַר מענטשן־האַסער אַלעמאָל אַן ענטפֿער גרייט;
מיט פֿוס־טריט פֿון אמת־זוכער און גערעכטע
זי שטעמפּלט פֿרייע ערד...
זי ווייסט איר ציל... זי ווייסט איר ווערט!
די אומפֿלייט שאַרט זי אָפּ...
און ווייטער — ווייטער מיטן קאָפּ צו זון.
איבער פּיגמי־נעגער־שונאים
זי שפּאַנט ווי אַ גוליווער־ריז
צו שמעטערן דעם קנעכטשאַפֿט־יאָך...
און פֿילט זי שונא׳ם שפּיז — איז עס אַ נאָדל־שטאָך,
אַ צוגאָב־שטויס אין אָנגריף הייליקן
אויף וויסטער שקלאַפֿעריי!

דזשאָן בראַון

(צו זיין הונדערטסטן יאָרצייט)

שקלאַפן-שיף

I

מאַמע און קינד — ווידער איינס...
ווי די אייזנס אַרום, אירע שוואַרצע פיס, הענט אַרום איס;
איר וויג־ליד — קייטן־קלאַנג, צאָרן־גלי,
קראַמף פון הונגער, פּלוך און גרויל...
אַ שוואַרצער מענטשן־קנויל,
ווי הערינג־פאַנג געפּרעסט,
אין אָפּפאַל און אין שווייס!
צייט פאַרגעסט, צייט געדענקט:
עס איז זינד פון שקלאַפן־שיף
טיף אַריין אין בלוט פון שקלאַפן־האַלטערס דור פון לאַנד—
ירושה־שאַנד— צעפוילטער קענסער־וואוקס, אין האַרץ
וואָס איז ווי מיטנאַכט שוואַרץ, —
ווי מדבר טויב!

II

ווי ווייט איז טשאַרלסטאָן און האַרפּערס פעררי
פון מיסיסיפּי, טענעסי און ליטל ראָק?
ווי לאַנג איז אַ יאָרהונדערט לינטש־ און תליה־טויט,
אַז דזשאָן בראַונס קול איז ווי אַ שטורעם־גלאָק
פון האַלדז־דערוואָרגענעם אויף גאַסן גרייט?!

וואָלט דזשאָן מיט ווערטער זיך געקוויקט אָן טומל, אָן גערודער,
ביי שקלאַפן־טרייבער ער וואָלט העלד פאַרבליבן,
נאָר תליה — זיין אייגן קרייץ פאַר נעגער־ברידער,
ער האָט אַ גלויביקער אין זיג, זיך אויסגעקליבן.

אויף שקלאַפן־חורבות פרייהייט ווערט געבוירן,
עס גלייכן זיך די וואַגשאָלן פון וועלט,
אַ מבול־כוואַליע פון רעוואָלט פאַרשווענקט די אומרעכט־יאָרן,
ס׳ווערט דזשאַן בראַונס מוט און טראַץ ווי מוסטער אויסגעשטעלט.

ער האָט אַ בלאַטער אויפגעשניטן פון זיין לאַנד,
די חוצפה פון פאַררעטער ער האָט פאַרראַטן
צו ראַטעווען זיין פאָלק פון שקלאַפן־שאַנד,
ער האָט, אַן ערלעכער, געקרעפטיקט וואָרט מיט טאַטן.

„איך האָב געטראַכט: ניטאָ קיין טרייסט, קיין קורצער וועג,
די פרייהייט מוז מען גרייכן מיט אַ זיכערער האַנט.
בלויז בלוט קען ריינוואַשן פאַרברעכן־פלעק
און אויסלייזן פון שולד מיין גרויס לאַנד.״

מיט יעדן טאָג, מיט יעדן קעמפערישן שפּאַן,
ער האָט געהאַמערט גלייכגילט ווי מיט שטיין,
אַ פרומער קריסט געווען איז גרויסער דזשאַן,
געגלויבט: „האָב ליב דיין שכן ווי זיך אַליין.״

ס׳איז ווייסער דזשאַן, מיט ווייסער שולד אין האַרץ,
אין קאַמף אַרויס אָן וואַקל און אָן ציטער —
אַז פריי זאָל זיין אַ מענטש צי הויט איז ברוין צי שוואַרץ,
אַז ברודער פון אַ ברודער זאָל זיין דער היטער.

„כ׳בין ווערט אין טויט אַ סך מער ווי אין לעבן״—
ער האָט אַ שטאָלצער זיך ביי פריינט געבעטן.
„פאַר פרייהייט מוז מען גרייט זיין געבן
און אומקומען אין ביטערע געוועטן!״

III

אָפּגעשלאָסן איז שווערער, בלוטיקער יאָרהונדערט
פון ברודער־קריג, פון שקלאַפעריי, געוואַלט —
עם ליכטיקט אומעטום די צייט פון וואונדער,
די זון פון פרייער, מענטשלעכער געשטאַלט.

כמאַרעס אײנגעקשנ'טע מיט זון זיך מעסטן,
פון שיף אין שטורעם לויפט אַ שרעקעדיקע מויז,
פון לעבער פינצטערע, פון שלאַנגען־נעסטן
קריכן „אומריינע" צעטומלטע אין גאַס אַרויס.

און ער, אַ לעבעדיקער, שפּאַנט איבער דער וועלט,
וואו אומרעכט קריגט אַצינד גערעכטע שטראָף;
זײַן דעוויז אויף קרייצוועגן צעשטעלט,
זײַן רויער אָנהויב דערנענטערט זיך צום סוף.

דזשאָן בראַונס ביינער שימלען אין דער ערד,
זײַן שיין לעבן זינגט אויף אַלע ראָגן.
ווען שקלאַף פון נעכטנס פינצטערע, אַ פירער ווערט,
הויבט־אָן אין ווילדסטע ווינקעלעך צו טאָגן.

אייבראַהאַם לינקאָלן

(פּרייז־פּאָעמע פון מוזיק־פאַרבאַנד)

לינקאָלן — פּרעזידענט באַפרייער!
צווישן גרויסע פון דער וועלט דיין נאָמען הערט.
דו האָסט דיין צייט צושטייער
לעבנס פון דיין דור, דיין אייגן לעבן איינגעשטעלט.

הינטער יעדער הויט געזען האָסטו דעם מענטשן —
זון אין ליכט אין פּנים שוואַרץ און ווייס —
דיין אייגן אָרעמקייט און נויט געלערנט האָט דיר בענטשן
דעם ריינעם קוואַל פון אָרעמטלעכן שווייס.

ווי האַרבסט־בלאַט האָט געציטערט שקלאַפן־האַלטער —
ס'האָט צייט אַליין פאַרמשפּט אים צום טויט,
און דיך, דעם פאָלקס־מענטש, דעם קלעצער־שפּאַלטער,
זי האָט דעם לעצטן, שטאַרקן שוואונג פאַרטרויט!

די שוואַרצע האַנט ביים בוימוואָל־זאַק, ביים וויג,
געמיינט האָט מזל־ברכה פאַרן לאַנד.
דו האָסט אין איר געזען דעם גאָלד־קערן פון זיג,
דעם אָנהייב אינעם סוף פון קנעכטשאַפט־שאַנד.

געטיסבורג — דיין וואָרט ווי פריסיק ברויט —
מיט לעבנס פאַרן לעבן געצאָלט האָט ווייס און שוואַרץ,
דער פאַרבן־בלינדער טויט פאַרנומען האָט זיין שניט
און וואונדן אָפענע פאַרקריצט אין יעדן האַרץ.

פאַרעטער׳ס שאָס האָט אָפּגעהאַקט דיין גאַנג,
נאָר לעבעדיק איז דיין ירושה, פּרעזידענט־מאַרטירער,
דאָס לעצטע וואָרט שרייבט נעגער־פאָלק
אין ניט פאַרענדיקטן געזאַנג
מיט מוט און בלוט פון קעמפער־פירער!

איב לינקאָלן!
דיין גרויסן אָנהויב האָט אַ וועלט באַוואונדערט,
דיין נאָמען — מוטיקונג פאַר יושר־זוכער איבעראַל...
איבער די ברוך־שטיקער פון שקלאַפישן יאָרהונדערט
גייט שוואַרץ און ווייס און ברוין
צום ערלעכן, אַנטשיידענעם פינאַל!

זיבן שוואַלבן

קאַלירטע שוואַלבן, זון אין הויט, פרילינג אינעם בלוט,
מאַגנאַליעס אין בלי... קינדער־מוט —
זיבן זיינען זיי געווען —
פאַן פון פופצן מיליאָן!
צען... צוואַנציק... הונדערטער און מער —
בלויז ווען וואונד וועט זיך פאַרהיילן
וועט מען מער ניט ציילן:
נעגער־פאָלק וועט יובלען,
נעגער־פאָלק וועט לאַכן,
נעגער־פאָלק וועט הספד מאַכן
איבער שאַנד
פון לאַנד!

ווייסע קינדער האָבן ברוינע בריסט געזויגן,
מאַמישקייט געזוכט אין שקלאַפינס אויגן,
ווען אירע אייגענע האָבן אין געטאָ־שמוץ געשמאַכט.
אין באַוול־פעלד פון פרי ביז שפעט,
אין קיך, אין שקלאַפן־האַלטערס בעט...
בלויז די נאַכט געוואוסט האָט מאַמישן געמיט,
בלויז ווענט פון שקלאַפישן געצעלט
פאַרנומען האָבן טיפן צער פון „בלויען" ליד.
אויגן שלאָפלאָזע געזען האָבן אין מאָרגן גרוי
דעם טרייבערס פנים,
געשריי און בייטש, לינטש־יוכע און שרעק.
צונויפגעדרייט אויף הארטער נאַרע,
געזען פאַר זיך האָט נעגער־מאַמע אַ „ווייסע" כמאַרע
אויף לאַנגן, שוואַרצן וועג!

אויף קאַנווע פון דער וואָר פאַרב-האַרמאָניע צעהעלט:
שוואַרצע האַנט — ווייסער בוימוואָל,
שוואַרצע הויט — זאַנגען־גאָלד אין פעלד,
ברוינער שווייס — שטאָלענע טורבינען,
רויט בלוט אין קוילן־גרוב,
אין אייזן-שמעלץ אין קופּער-אַרץ —
נעגערשער צושטייער דעם ליכטיקן באַגינען פונעם לאַנד!
מעכטיק איז די שוואַרצע האַנט וואָס ברעכט די געטאָ־וואַנט.
זי וועט תכריכים שפּינען פאַר די פאַרלייקענער פון רעכט
צו פולער מענטשלעכקייט, צו זוכעניש פון גליק.
ווי צו די, וואָס האַלטן לינטש-שטריק גרייט
צו ווערגן מיט „לאַסאָ"* געבאָט פון אונדזער צייט!

וואונדער איבער וואונדער.
זיבן נעגער־קינדער... זיבן „שונאים"?!—
זיי וואַרפן טויט-שרעק אויף ווייס-הויטיקע פּחדנים.
האָבן זיך צעיושעט קלאַפּערשלאַנגען,
אויף צייט-ראָד אָנגעהאַנגען...
פון קינדער-מוט צערייצט
מיט סם און רישעות גאָס פאַרפּלייצט,
מיט מאָרד אין קאַלטן בליאַסק פון בליק
מיט פויסטן שווערע — האַמער.
לעצטער קלאַמער פון טרינקענדיקן
אויף פוילער ברעט פון נעכטן —
צו שפּעט! עס שלינגט זיי שוין דער כוואַליע-ברוויז
און שפּייט זיי אויס.

פון פופצן מיליאָן זיבן...
ס׳האָט צייט זיי אויסגעקליבן
צו טראָגן מוט פון זייער פאָלק
צום פרואוו אין אָפנקייט פון גאַס!
יונגע פאַלמע־ביימעלעך אין מדבר פון האַס,
מיט קעפּעלעך געקרויזטע צו זון־ליכט,
יעדעס געזיכט פון בראָנז געגאָסן, ווי סטרונע געשפּאַנט,
בוך און פען פאַרקוועטש אין האַנט —
יעדער אינגעלע אַ חתן, יעדעס מיידעלע אַ כלה,
זינגען: „אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלע״
גלויבן: „דער טאָג וועט קומען, מיר וועלן איבערקומען.״
שטאָלץ פון נעגער־געטאָ... אָנהויב־שעה פון גאַנג —
דאָס „בלוי״ פון נעגער־ליד
פאַרביטן ווערט מיט מונטער־קלאַנג.

זיבן שווארצע פרילינג־שוואַלבן אויף פיינטלעכער גאַס,
צווישן דערנער שטעכיקע פון ווילדן ראַסן־האַס!

*) לאַסאָ — אַ שטריק, מיט וואָס מען כאַפּט ווילדע פערד.

פאַרשעמטע גאַס

און ס'וויינט נאָך אַלץ
פאַרשעמטע גאַס פון דרום:
יעדער שפּאַן און שטיין פון ברוק — געוויין!
מיט איינגעזויגטן סם פון האַס באַשפּיגן,
מיט ווילדן צוק פון אויג,
מיט אָטעם פון געפּאַר און שפּאָט...
נאָר קינדער טונקל־הויטיקע,
ליכטיק־אויגיקע, דערשראָקענע —
קלאַפּן־אוים מיט שיכלעך
זייער ענטפער צום פאַרבאָט —
אַ טרייסט־ניגון פון גלויבן און פון צער
אויף קאַלטן האַרץ פון שטיין.

ווי בייזע רוחות פון אַ נאַכט־קאָשמאַר
וואָיען יורשים אָרעמע פון שקלאַפן־האַר,
טראָגן יחוס פאַלשן
אָפּגעבליאַקעוועטן דלות
אין גאַס אַרוים, ווי זייער רעכט:
פון מיילער אָפענע, ווי אָפּפאַל־פּעסער,
פליוכעט וויסטע זידלעריי
און צונגען, ווי פאַרסאַמטע מעסערס, צילן
אין ווירדיק אומשולדיקע אייניקלעך פון קנעכט —
משוגענער רעפריין פון אָנגערייצטע הינט
קעגן זינד פון הויט־קאָליר.

װעכטער פֿון געזעץ באַװאָפֿנטע ביז די צײן,
פֿירן נעגער־קינדער אין שול אַרײן —
אין אױגעלעך װאונדער און בטחון —
פֿרײנט און שכן — װײסע טאַטע־מאַמע
אין ברודערשאַפֿט מיט זײ —
פֿון טראָציק־פֿעסטן טראָט
עס קרײשלט זיך, װי דאַרע בלאַט אין האַרבסט,
דער שקלאַפֿישער פֿאַרבאָט.
בליקן — בײטשן,
בליקן — לאַװע,
אױגן — בלוט־פֿאַרלאָפֿענע, מיט בעלמעס האַס,
שפּיזלען אָנמעכטיק די בראַװע אױף פֿאַרשעמטער גאַס.

— — — — — — — — — — — — — —

און שטילער, שטילער װערט איר אַלט געװײן,
און פֿרײנטלעך, װי אַ מאַמע, קלאַפּט איר האַרץ פֿון שטײן.

בירמינגהעם

בוירמינגהעם!
אַ נאַקעטע, צעפּרעסענע פון הונדערט־יאָריקער חולאת,
דו האָסט אינמיטן גאַס,
אינמיטן פרילינג־בלי פון וועלט
אַרויסגעשטעלט דיין שאַנד.
ביסט אַרויס מלחמה־האַלטן
מיט נעגער־קינד,
מיט נעגער טאַטע־מאַמע,
מיט אויפגעריסענעם געוויסן פונעם לאַנד!

בוירמינגהעם!
איבער דיינע גאַסן — לאַווע־פּלייץ
פון ניי־געבורט:
דאָס נעגער־פאָלק איז אָנגעגורט צום זיג
פאַר רעכט, פאַר זעט, פאַר ווירדע פון קינד אין וויג.
עס בעטלט ניט — עס מאָנט
זיין פרעך־פאַרלייקנטן יאָרהונדערט...

בוירמינגהעם!
זע, די נעגער־מאַמע מיט עופעלע ביים ברוסט,
מיט קלומיקל אין האַנט;
זע, דעם זקן, דעם יונגן העלד;
זע, קינדער הינטער גראַטעס,
זע, שטאָלץ פון ברוין־הויטיקע טאַטעס —
אין יעדן אויג — דיין גורל־חתימה,
אין שטאָל פון טראָט — דיין סוף —
דער אורטייל פון אַ דור!

פרילינג אין אינגרעהעם פּאַרק

מאַגנאָליע־בלי און קינדער־טרערן,
בעז און יוכע פון „בול" קאָנאָרס פּאָליציי —
איבער פרויען שוואַנגערע אַ זאַלפּ פון וואַסער־רערן,
פאַר זינד פון פאָלק, וואָס וויל זיין פריי!

האָפענונג גליט — אַ פונקען־שפּריי איבער לאַנד און וועלט;
אין אויגן טויזנטער טיף גלויבן איז צעבליצט...
ס'האָט שוין דער „בול" פאַר זיך אַ זיג־טראָפּיי באַשטעלט:
„פאַר שלאַכט", און אין אינגרעהעם פּאַרק אין גאָלד פאַרקריצט.

קינדער־העלדן זינגען אונטער וואַסער־דרוק קאַנאָנען,
אומדערשראָקן, האַנט־אין־האַנט מיט טאַטע־מאַמע —
זיי שפּאַנען שטאָלץ און זיכער, מאָנען און דערמאָנען —
ס'איז סוף פון אָנהויב פאַר אַ פרייער אַלאַבאַמאַ.

פרילינג־שטורעם רייסט פאַנאַנדער כמאַרע־קלעם,
פרייהייט־גלאָק אין טעמפּאָ פונעם ליד, פון ביטערן געפעכט —
עס בליט אַ רויז אין ערשטלינג — בווירמינגהעם:
אַ רויז מיט דערנער שטעכיקע פון קאַמף פאַר רעכט.

ווייסע גלייכגילט

ביים זוים פון גאַסן — „ווייסע" גלייכגילט;
אויגן — קאַלטער אייז מיט בלויקייט אין דער זון צעשפּילט;
הענט אין קעשענעס, הענט פאַרלייגט,
שטים, ווי אַ צעפּלאַצטער גלאָק פאַרשטומט — זי שווייגט!

ווילדע רציחה ביי די טראָטואַרן,
שטיל ווי שלאַנגען וויקלען זיך אַרום דער גלייכגילט טויט-געפאַרן;
יעדער שמייץ אין נעגער־לייב — אַ טיפער קאַרב —
עס ראַנגלט זיך אַ פאָלק: „געווין איצט אָדער שטאַרב!"

ביים זוים פון גאַסן — „ווייסע" קוועלן,
ס׳יאָגט אַ בראַוועס פאָלק די שרעק פון שוועלן —
ס׳וועט דאָס נעגער־פאָלק ניט דולדן מער:
עס פינקלט אינעם אויג אַ וואַרעם טרער.

פרילינג איז די צייט פאַר פרייהייט-זייער —
מיט ציטער שטייט צו אַ ווייסער גייער,
מיט שטאָלץ ער נעמט-אָן שוואַרצע ברודער־האַנט:
צייט פאַראַקערן מיט שוואַרץ-ערד „ווייסע" שאַנד.

ביים זוים פון גאַסן גלייכגילט ווערט צעריסן,
עפּעס, ערגעץ־וואו אַ צופּ־געטאָן האָט איינגעדרימלטן געוויסן —
עפּעס האָט אַ מענטשלעך קלאַנג אין פינטעלע דערצילט:
ס׳האָט אין אויגן, קאַלט ווי אייז, אַ פינקל זיך פאַרהילט.

פיר פייגעלעך

(דער בלוטיקער זונטיק, סעפטעמבער, 1963,
אין בוירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ)

פיר יונגע פייגעלעך,
שוואַרצע, מלא חן,
פיר טויטע פייגעלעך
אונטער ברוך און שטיין!

ס'האָט אַ מאַמע קינדערלעך
פאַר זונטיק אויסגעצירט,
ס'האָט אַ מאַמע ליבינקע
אין זונטיק-שול געפירט.

עס קעמפט מאַמע פאַר טייערע,
פאַר זייער בעסער לעבן,
לערער לערנט קינדערלעך
צו ליבן און פאַרגעבן...

שפּרינגען שוואַרצע מיידעלעך
שיין און צוקער־זיס,
זונען אין די אויגעלעך,
פליגעלעך אין פיס...

קולכעלעך ווי גלעקעלעך קלינגען,
עס שפּילן צו דעם טאַקט די הענט....
מיטאַמאָל... פאַרשטומט דאָס זינגען...
ס'פאַלט די סטעליע, ס'פּלאַצן ווענט...

ס׳האָט אַ ראַסן קלאַפּער־שלאַנג
רואיק טויט פאַרזייט:
שטומען מוז דער זיג־געזאַנג
פון שוואַרצער פרייד!

אַ געטומל, אַ יללה,
עם גליוועדט בלוט אין האַרצן;
אין לופט איין גרויסע קללה,
אין דעם זונטיק שוואַרצן.

פיר קרבן־פייגעלעך
אונטער שטיין און ברוך;
פיר מאַמעס׳ קינדערלעך —
אַ וואָרנונג און אַ פלוך!

היימלאָז

ווען עמיצער איז היימלאָז אין זיין אייגענער היים
און ביי זיין אייגענעם טיש אַ ניט-געוואונטשענער גאַסט,
איז דען אַ וואונדער וואָס טאָג איז לאַנג ווי יאָר
און יעדער רגע איז אַ טויטע לאַסט ?!

ווען עמיצער איז איינזאַם ווי אַ שטיין
און פריידלאָז צווישן נאָענטסטע פריינט —
איז דען אַ וואונדער, וואָס אויג איז קוואַל פון טרוקענעם געוויין
און צווייפלדיקער אומרו סמ'ט דעם היינט ?!

ווען „היים" איז שטיף-מאַמע, אָן האַרץ, אָן צוטרוי,
וואָס נעמט און נעמט אָן חשבון און אָן מאָס,
ווערט טערפקע-ביטער אפילו זיסער מאָרגן-טוי
און ס'טאַטשעט ווי אַ וואָרעם געפּענטעטער פּאַרדראָס!

„היים" — אַן אַנקער אין אַ מענטשנס לעבן —
אין איר ער וואָרצלט, ווי אין באָדן בוים;
זיין אָטעם-צוג, זיין טרוים אין אירע איידלסטע געוועבן
אָן האַפט איז היימלאָזער, ווי אויף כוואַליעס שוים.

איז דען אַ וואונדער וואָס מענטש זיין ווירדע זוכט?
וואָס ער ברעכט מיט שטאָלץ צעפּוילטע ראַסן-וואַנט?
וואָס וויל פון מי זיינער געניסן פרוכט,
וואָס וויל ניט היימלאָז זיין אין אייגענעם לאַנד?

„איבעריקע מענטשן"

איבעריקע . . .
זייער היים — פוירשינג סקווער —
פון איינזאַם־ענגע צימערן קומען זיי אַהער
פון עלנט אויסלייזן אַ טאָג...
ווער מיט פלוך, ווער מיט שטומען קלאָג —
לעבעדיקער מענטשן־ברוך
פון וועלט וואָס דאַרף זיי ניט;
טעמפקייט אין געמיט,
נעכטנס אין זכּרון
און יאָרן ?! . . . אויסגעליידיקטע געשיר
אויף טיש פון לעבן!
מיט שפינוועבס פאַרצויגענער באַלאַסט...

שפּילט איינער אויף צעבראָכענער גיטאַר
זיין גורל אויס;
זינגט אַ זקנה מיט כריפּלען קול אַ ליד —
אַן אויסגעשמינקטער, לעבעדיקער מת,
זי פּיינט זיך אויס
מיט יונגן, פריילעכן אַמאָל...
און דער פאַרבייגער?
ער קוקט און לאַכט פון מענטשן־ברוך...
אין זיין אומגעלומפּערטן פאַרזוך
צו זיין!

אויף באַנק אַליין — אַן אַלטיטשקער —
הויט און ביין,
געהויקערט און געבויגן, מורמלט שטיל אין זיך אַריין,
שפּילט זיך ווי אַ קינד מיט שפּאָגל־נייעם סענט:
„דיר אָלד אייב...* מיין בעסטער פּרעזידענט...
האָסט דאָך מיך באַפרייט פון שקלאַפעריי...
בין איך פריי!... כע־כע־כע... אַ יאָ... איך בין?!
ניט קיין ברויט, ניט קיין שטוב,
ניט קיין לעבן, ניט קיין גרוב.. כע־כע־כע!"

מיט פינגער צערטלט ער און דרייט
דעם בליאַסקעדיקן סענט:
כע־כע־כע... ניט לעבעדיק... ניט טויט...?!"
ער שטעקט די הענט אין קעשענעס צעלעכערטע —
זוכט, קראַצט, ציילט:
„איינס, צוויי, דריי, פיר —
כ'בין דאָך אַ גביר! אַ גביר!"
אַזוי שרייט אויס צו זיך אַליין —
האַלב־געלעכטער, האַלב־געוויין, דער אַלטער. מאַן
ווי קיבעלעך ער לייגט מטבעות אויס,
זיין שפּאָגל־נייעם סענט פון אויבן ווי אַ קרוין.
די דאַרע ציטערדיקע הענט ער רייבט מיט פרייד —
ער גייט זיין אוצר אויסבייטן
אויף הייסער טיי מיט ברויט!

---

*) איבערעהעם לינקאָלן.

צו איינזאַמלען דעם שניט

געווידמעט דעם היסטאָרישן מאַרש קיין וואַשינגטאָן פאַר
נעגער־פרייהייט און ציווילע רעכט, 28טן אויגוסט, 1963

ערלעך איז אַ מענטש אויף אָפענער גאַס
אין ווידערשפעניקונג צו מיאוסקייט פון ראַסן־האַס!
שיין איז מענטש מיט גלויביקן געמיט
אין ברען פון אומגעדולד,
וואָס טרעט מיט פיס די שולד פון אומרעכט און פון שפּאָט.
מוטיק איז מענטש אין פּנים פון געפאַר,
וואָס פויקט זיין צאָרן אויס אויף הארטן טראָטואַר.
זיין ווילן און געבאָט:
„ניט מער ברעקלעך פון אַ פרעמדן טיש —
אַ גאַנצן לאַבן ברויט!
ניט מער שאַנד און נויט —
אַ היים, אַ בוים, אַ פעלד
צעאַקערט און פאַרזייט
אַביסל גרינס, אַ בלום, אַ גראָז —
דאָס איז די מאָס!"

אַזוי רעדט נעגער־פרוי —
זי איז אין קאַלעדזש ניט געגאַנגען —
זי איז זאַנג אין פעלד פון רייפע זאַנגען,
גראָז־וואָרצל וואָס ווערט געטראָטן און ניט צעטראָטן
אירע רייד — אַ ליד אָן נאָטן,
אַ רוף פון ליידנדיקן הארץ צום גאַנצן דור.
אין איר אויג דער גלימער פון איר פאָלקס־קאַיאָר,
אין איר האַנט אַ פאָן:
„פאַר ארבעט און פרייהייט,"
„פאַר פרייהייט און פרייד" — זי גייט קיין וואַשינגטאָן!

וואשינגטאָן איר הויפּט־שטאָט:
טויזנט־פוסיקער טראָט...
ווייס און שוואַרץ,
האַרץ מיט האַרץ,
האַנט מיט האַנט
צו שטורעמען די טויבע וואַנט,
צו אָפּשטעמפּלען אויפסניי:
„מיר זיינען פּילגרימען פון ניינצן זעכציק דריי!"
מען קומט פון גאַסן און פון געסלעך,
ווערן שטאַנגען אין אַ ראָד,
פליסן פרילינג־שטראָמען,
כוואַליעס — העלדן אָן אַ נאָמען:
יעדער מענטש — אַ שטים,
יעדער מענטש — אַ פאָן,
יעדער מענטש — איז הונדערטער אין קאָן...
אַהין... אַהין... קיין וואַשינגטאָן.

עס האָט דאָס לאַנד אַזוינס נאָך ניט געזען..
דאָרט... דאָרט מוז איצט אַ נס געשען —
דער פרייהייט־גלאָק
פאַרשעמט, צעפּלאַצט און שטום
האָט זיך אַ פריידיקער צעקלונגען:
„קום... קום... קום...
קום נעגער־פאָלק און זאַמל איין דיין שניט!-"
און ס'קומט אַ פאָלק מיט זון אין זיין געמיט,
מיט גלויבן אין די אויגן.
מיט שטאָלץ אויף פּנים
צו וואָרענען די שונאים
מיט פאָן פון... זעקס און זיבעציק...
פאַר פרייהייט, זיכערקייט און גליק.

איבער זינגענדיקער, וואַכענדיקער גאַס,
קבורה־מאַרש פון ראַסן־האַס,
ציין־געקריץ... חיהשע היסטעריקע
און יובלדיקער קאַמף־געשריי:
„זאַט און פריי אין ניינצן־זעכציק־דריי!"
עס שפאַנט אַמעריקע — די מוטיקע און בראַווע,
עס שפאַנט פיל־פאַרביקער, פיל־שפּראַכיקער,
פיל־קעפּיקער גיגאַנט,
צעפּולווערט ווערט אונטער זיין טראַט
דער מיאוסער אַמאָל...
ווי שטאַנגען אין אַ ראָד— שטראָמען
העלדן אָן אַ נאָמען
און אין סאַמע מיט — דער מענטש!
דער נעגער־מענטש, וואָס גרייט איז איינזאַמלען
זיין שניט פון ווערדע און פון רעכט!

אַ שוואַרצע מיידעלע

אַ קליינע שוואַרצע מיידעלע
גייט צו ווייסער שול,
אויסגעפּרעסט איר קליידעלע,
אויגעלעך האָניק־פול.

גלאַנצן אירע שיכעלעך,
סטענגעס אין די האָר,
אונטערן אָרעם ביכעלעך
ציכטיק, גרייט ביז גאָר.

אין קעשענע אַ טיכעלע,
אין טעקע העפטלעך גרייט,
קייט זי צוקער־קיכעלעך
שטיפעריש־פאַרשייט.

מאַמע האָט אַ פּוטער־ברויט
מיטגעגעבן עסן,
אָנגעזאָגט איר שטילערייד
זי זאָל עס ניט פאַרגעסן.

.2

ווייסער וועכטער שטייט און לאַכט...
לאַכט דאָס מיידעלע מיט,
זי זעט דער וועכטער טיר פאַרמאַכט...
דאָס פאַרשטייט זי ניט ? !

שוואַרצע בעקעלעך, גריבלעך חן :
„מיסטער, פאַרמאַך ניט טיר!״
—„דו קענסט אין ווייסער שול ניט גיין,
די שול איז ניט פאַר דיר!״

שטייט צעטומלט מיידעלע
ביים סאַמע שוועל פון שול,
זי צופּט נערוועז דאָס קליידעלע,
אייגעלעך ווי בעכער פול...

דורך פאַרמאַכטער שול־טיר
גייען ווייסע קינדער...
„מיסטער, וואָס איז דער מער מיט מיר?"
זי פרעגט מיט שרעק און וואונדער.

3

אין אויסגעפּרעסטן קליידעלע,
אין אָפּגעפּוצטע שיכעלעך,
לערנט נעגער־מיידעלע
קלוגשאַפט פון די ביכעלעך.

אַ מיידעלע מיט זון אין הויט,
מיט אַלע גלייך אין שול,
מיט פרייד און פריינטשאַפט אויפגעבויט,
מיט מענטשן־ליבשאַפט פול.

מיידעלע שפּילט אין שפּרינגען־שטריק
מיט אינגלעך בלאָנד ווי שטרוי —
פון איין קאָליר איז ביידנס גליק,
איין צוקונפט וואַרט פאַר זיי!

נייער אָנהויב

(סופרים קאָורט אַנטשיידונג וועגן נעגער רעכט
דעם 14טן דעצעמבער, 1964)

אוי א שמחה, אוי אַ פרייד,
ניי־יאָר קומט! ניי־יאָר גייט!
אַ נעגער־איינגעלע,
מיט זילבער־קלינגעלע,
מיט שוואַרץ־געקרויזטע האָר,
אַן אמתער ניי־יאָר!
הענטלעך אויסגעשטרעקט
צום בלויען פויגל פון זיין חלום,
צו ווייסער טויב פון שלום,
צום ליכט פון נייעם יאָר...

אויף פלייצעס פון צייט אויסגעטראָגן,
ער פרייט זיך מיט וואונדער פון טאָגן
אין מיטנאַכט פון לעבן:
אויף האָריזאָנט פון לאַנד,
ראַסן־שאַנד פון פיס צעטראָטן —
פעסטע, שוואַרץ־ווייסע פיס —
רעדעוודיקע, מאָנענדיקע, זינגנעדיקע...
זיי שטעמפּלען אויף גאַסן
פולם־געזאַנג
פון אויפגעוואַכטן גאַנג
אין מיסיסיפּי, אַרקענסאָ,
אין דזשאָרדזשיאַ און האַרלעם־געטאָ!

אין טעג פון „ליבשאַפט" צווישן מענטשן
לאָמיר הײַנט דײַן קומען בענטשן,
ברוך הבא... ווילקאָמען, ניי־יאָר,
פרואוושטײַן פון אַ דור!
זאָל אויף לוחות פון דער צײַט
פינקלען נאָמען דײַנער — פרײַהײַט!
ניי־יאָר גייט, ניי־יאָר קומט,
ניי־יאָר איז שוין דאָ!
זאָל די מיטנאַכט ליכטיק זײַן,
לאָמיר זינגען, טרינקען ווײַן,
איבער כמאַרעס לייגן בריקן
צום נײַעם יאָר, צום יונגן יאָר!

די בראָנזענע מאַדאָנאַ און קינד

יונגע אַפריקאַנערין!
ווי נאַטור־ציכטיק אין איר נאַקעטקייט —
קיין שפור ניטאָ פון אויסגעטראַכטער בושה:
די ברענענדיקע זון
האָט איר בירושה געשענקט אַ פּרעכטיק קלייד —
איר הויט — פון וואַרעמקייט צעגלעט, צעברוינט,
ווי פריש־געבאַקן ברויט.
געבויט ווי פּאַלמע־בוים... שלאַנק, שטאַרק,
האָר — צירונג... גליטער־טאַשמעס
איבער בראָנז פון אַקסלען.
אומגעצאַמטע, רונד־שטייפע בריסט—לאָגלען זאַפט.
פון נאַפּלען — שטייפע קנאָספּן —
פליסט זעט און רו, האָפענונג און קראַפט
צום קינד אין אָרעמס.
צום לייב אירן זי טוליעט אים
און זוכט איר גליק אין זיינע אויגן!

בראָנזענע מאַדאָנאַ און קינד...
ביי שטרוי־געדעקטן אָרעמען געצעלט,
זי גרייט איר זויגלינג פאַר אַ מאָדנער וועלט —
אומשולד־נאַקעטקייט איז דאָרט אַ זינד?!
דראַפּירט זי אָרום לענדן
געבלומטן, ציצענעם סאַראָנג, וואָס פּענטעט אירע פיס,
און זיס, ווי זי אַליין מיט קינד — אין האָפענונג —
שמייכלט צוקונפט אין אירע רעדעוודיקע אויגן.

פאַרמעסט

אין פאַרמעסט מיט דער זון ביים הימל־ראַנד,
יאָגט זיך אַ דזשעט צום מערב־לאַנד.
וואָלקנס, ווי ווייסלען פון איי, אויפגעקלאַפּט,
האָבן ספּעקטער פון ליכט ווי ווײַן איינגעזאַפּט —
מישן זיך, מיניען זיך, ראַנגלען זיך פאַרבן —
אַ טאָג וויל ניט שטאַרבן!

אין פליגל־צעשפּרייט פון שטאָל־גיגאַנט,
שפּיגלט זיך זון. איר צוויבער־געוואַנט
מיט רוי־זייד פון וואָלקנס און שטראַלן דראַפּירט,
אַ טאָג אין דער אייביקייט זי פירט;
עס הודיעט, עס בודזשעט, עס כריפּעט דער דזשעט,
ער וויל ניט זיין שפּעט!

דורך בלויקייט פון הויכן, פאַרוויקלט אין בראַנד,
אַ געמעסט מיט דעם זון־גאַנג צום מערב־ראַנד.
ווי זילבערנע פייל פליט דער אַסטראָ־דזשעט.
אין אים פליט באַצויבערט, באַכישופט, פּאָעט...
ווי פויגל אין הארצן טרילערט אַ פרייד —
דער מאָרגן איז יורש פון פראַכט וואָס פאַרגייט!

קינדער-וועלט

● „פון מאַמישע אָרעמס,
פון זיכערן וויגל,
צו מאָרגנס געשטעמפּלט
מיט זוניקן זיגל."

ש. פ. י.

צו־גאַסט בײַם זיידן

אין דאָרף בײַם זיידן איך בין אַצינד,
זאָגט זיידע: — אַלץ פֿאַר דיר, מײַן קינד,
גיי, טרײַב פֿון זיך די שטאָט אַרוים —
ער שמייכלט, קושט מיך אוים.

איך ווייס וואָס זיידע מיינט געננוי.
באַרוועס אין פֿרימאָרגן־טוי;
אַ דימענט דאָ, אַ פּערל דאָרטן,
מיט אוצרות פֿול אין זיידנ׳ס גאָרטן.

באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ,
אַ וועלדל מיט געקרויזטן קאָפּ,
אַ טײַכעלע — מחיה׳דיק קיל,
וואָס דרייט די ראָד פֿון זיידנ׳ס מיל.

קווייטן, גרינסן אָן אַ צאָל,
פּייכטער, ווייכער גראָז אין טאָל,
זיידע׳ס שטוב אין מיטן פֿעלד
און אַרום אַ וואונדער־וועלט.

פֿעלדער — פּאַסמעס גאָלד און גרין,
סטעזשקעלעך אַהער, אַהין,
אויסגעשטעפּט אין לענג און ברייט,
וואו מען שטייט, וואו מען גייט.

קי און שעפּסן און באַראַנעז,
פֿערדלעך, לאָשעקלעך פּאַראַנען,
ווייסע הינער, רויטע הענער,
איינס פֿון אַנדערן איז שענער.

כ׳בין אַמאָל שוין דאָ געווען,
גוט אַלץ נאָכאַמאָל צו זען,
ווייט פון טומלדיקער שטאָט,
פריידפול איז דאָ יעדער טראָט.

געלע בלעטער אויפן באָדן,
סאָד מיט רייפע פרוכט באַלאָדן;
אַרום בינשטאָק זינגען בינען,
פייגל וועקן מיך באַגינען.

אָן אַ זאָרג און אָן אַ יאָך,
ווי אַ ווינט אַוועק די וואָך.
גלעט מיך זיידע, קוועלט און שפּאַסט:
— ווי געפעלט דיר זיין מיין גאַסט?

כ׳נעם אַרום מיין גוטן זיידן,
ס׳איז דאָ אַזוי גוט אונדז ביידן,
גליקלעך כ׳וואָלט געווען ביז גאָר,
ווען כ׳בין אַ גאַסט אַ גאַנץ יאָר.

שטיפער ווידערקול

ווידערקול, ווידערקול
פון גרינעם טאָל,
יוה... הו... הו,
ווער ביסטו ?

איך בין דו...
יוה... הו... הו...
כ׳טראָג דיין וואָרט
פון אָרט צו אָרט.

נאָכמאַכער אַזאַ —
כאַ... כאַ... כאַ...
וועל איך שווייגן
צווישן צווייגן.

דו ביסט איך,
טאָ כאַפּ די שיך,
קום אַרויס
פון גרויסן הויז.

אויף איין אָרט,
אָן אַ וואָרט,
כ׳וואַרט אויפ׳ן לץ פון טאָל,
דעם ווידערקול.

כ׳וואַרט און וואַרט,
ס׳פאַלט צו די נאַכט —
יוה... הו... הו...
וואו ביסטו ?

כ׳בין דאָ... אָ... אָ,
אָך... אָך... אָה...
אַ שפּאַס געמאַכט,
דיך אָפּגענאַרט.

נאַרעלע, נאַרעלע, רעד צו מיר,
כ׳בין שטום אָן דיר.
לאַכן צוויי איצטער אין טאָל,
איך און שטיפער — ווידערקול.

דער אויבנאָן

קוקעריקו . . . קוקעריקו —
איך בין אַ האָן,
ווער ביסטו ?
איך בין אַ קעצל,
מיו - מיו - מיו,
כ׳קען דאָ זיצן פּונקט ווי דו.
קומט דאָס הינטל טשו־טשי־טשאַ,
מאַכט ניט קיין טומל, שאַ... שאַ... שאַ!
ניט דאָס קעצל, ניט דער האָן,
איך פאַרנעם דעם אויבנאָן!

מיידעלעך צוויי

צוויי קליינע מיידעלעך,
פיר דינע צעפּעלעך,
סאַמעטענע קעפּעלעך,
פּנימלעך ווי עפּעלעך.

צוויי זומער־פייגעלעך,
פיר דימענט־אייגעלעך—
מיידעלעך ווייס און שוואַרץ,
נעמען איין מיין האַרץ.

צוויי ספּריטנע שפּרינגערלעך,
צוויי שיינע זינגערלעך,
פלינקע פיסלעך פיר,
טאַנצן ביי מיין טיר.

פלאַטערן פיר צעפּעלעך,
פון בלאָנד און שוואַרצע קעפּעלעך,
שטיפן זומער־פייגעלעך,
ווינקען מיט די אייגעלעך.

דעם פעטערס מתנה

דער פעטער האָט יאַנקעלען אַ ביקסעלע געבראַכט,
פון ווייס־גרויען שטאָל איז דאָס ביקסעלע געמאַכט.
אַ לעדערנער האַלטער און קוילן פיר,
אַ צינגל מאַכט פיף־פאַף ביים מינדעסטן ריר.

ביז בלוט האָט די מאַמע די ליפּן פאַרביסן:
„דאָס פעלט נאָך, איר קינד זאָל זיך אויסלערנען שיסן."
זי הערט אַ באַפעל: — „שנעל מאַך צו די טיר,
הענט אַרויף... ניט גערעדט... ניט טו זיך קיין ריר!"

איר יאַנקעלע שרייט עס, זיין ביקס אָנגעשטעלט,
אוי, ניט אַזוי גרייט זי איר קינד פאַר דער וועלט.
אַ בייזע (זי וואַרט ניט קיין רגע אויף שפּעטער),
זי שיקט אָפּ די מתנה דעם נאַרישן פעטער.

אַ צעטעלע לייגט זי אין פּעקל אַריין:—
„אַ דאַנק דיר, מיין קינד וועט קיין שיסער ניט זיין!"

יאַנקעלע שטייט אין אַ ווינקל פאַרקלעמט,
זיין פּנים פאַרכמורעט, די האָר ניט פאַרקעמט;
קושט אים די מאַמע, זי נעמט אים ביי דער האַנט:
— קום קויפן אַ טרייסט אין דעם שפּילצייג־לאַנד.

אַ מעשהלע מיט אַ אינגעלע

אינגעלע איז אויפ'ן פלויט געקראָכן,
אינגעלע האָט פיסעלע צעבראָכן.
ליגט פיסעלע אין גיפּס פאַרמויערט,
וויינט דאָס אינגעלע און טרויערט.

קינדערלעך מיט פעקלעך ביכער,
איילן זיך אין שול וואָס גיכער;
איינער טאַנצט, אַ צווייטער שפּרינגט,
און אַ שטיפער קייט און זינגט.

ליגט אינגעלע אין בעט און טראַכט,
מיטאַמאָל ער לאַכט און לאַכט:
ס'איז גאָר ניט שלעכט זיין פריי אַליין,
ווען אַלע מוזן אין שולע גיין.

נעמט ער בלייפעדער אין האַנט,
מאָלט אַ קעצל אויף דער וואַנט;
אויפן גיפּס, וואו ס'ליגט זיין פיסל,
מאָלט ער מילך אַ פולע שיסל.

אינגעלע וויל איצטער שטיפן,
מאָלט ער אוים מאַטראַסן, שיפן;
מאַכט פון קישעלע אַ האָז,
פונם ליילעך — העלפאַנט — לאַנגן נאָז.

קומט די מאַמע צוריק פון גאַס,
ווייזט איר אינגעלע אַ שפּאַס,
פאַר זיין קעצל מילך אַ שיסל,
טראָגט ער צו מיט קראַנקן פיסל.

שמייכלט מאַמע, פרייט זיך אינגל,
ווי אויף שרייפעלעך זיין צינגל,
ס'האָט אינגעלע אַ פיסל צעבראָכן —
האָט ער יום־טוב אינדערוואָכן.

זייף-שפּיל

זייף-גלעזעלע ביז ברעגן פול,
זינגט דאָס טרייבעלע — בול-בול-בול.
אָטעם איין, אָטעם אויס,
פליט אַ בלעזעלע אַרויס.
בול... בול... — בלאָז, בלאָז בלאָז,
פאַלט אַ בלעזל אויפן נאָז.
פאַלט אַ צווייטער אין די אויגן,
אויסגעפאַרבט ווי רעגנבויגן.
טוט די וויע שטיל אַ ציטער,
פע, ס'איז בלעזעלע גאָר ביטער.

פליאַף — געפּלאַצט האָט בונטער בלעזל,
אויף מיין שוועסטער'ס קליינעם נעזל.
קינדיש פּלאַפּל — מיילכל פול:
— ניין... בול-בול, ניין... בול-בול,
קוש איך אויס פון אויג אַ טרער,
— ניין... בול-בול, ניין... ניט מער.
פליאַף, פליאַף — ליידיק זייפן-גלעזל,
אויס מיט בול... בול — אויס מיט בלעזל.

אַ מעשה מיט אַ קעצל

געווען איז דאָ אַ פייגעלע,
איצט פליען אום די פעדערלעך,
בלוי־ווייס־גרויע פעדערלעך פון שיינעם פאַראַקיט.
דאָס קעצל זיצט אין ווינקעלע,
לעקט אַרום די ליפעלעך,
געגעצט אַ צופרידענע, ווי זי מיינט מען ניט.

קומט אַריין אַ מיידעלע,
די הערעלעך צעפלאָטערטע,
— מיין פייגעלע... מיין פייגעלע אַוועקגעפלויגן.—
דאָס קעצל ליגט אין ווינקעלע,
אַ פוטער־ווייכער בייגעלע,
דרעמלט אַ פאַרזינדיקטע, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

הערט מאַמע מיידעלע׳ס געוויין,
זעט דאָס שטייגעלע אָפן,
רופט זי: — קעצל־גנב, קום, כאַפּ קלעפּ.—
דאָס קעצל שפרינגט פון ווינקעלע
אויף וואַטע־ווייכע לאַפּקעלעך,
באַהאַלט זיך אַ דערשראָקענע, הינטער קעלער־טרעפּ.

געווען איז דאָ אַ פאַראַקעט,
אין ווייס־בלוי־גרויען פעדער־קלייד—
אַ קלוג, אַ ציכטיק פייגעלע געווען...
געווען איז דאָ אַ קעצעלע,
אַ שטילע, פאַלשע קעצעלע,
געהיט, באַוואַכט דאָס פייגעלע... און ס׳איז געשען...

ניטאָ שוין מער קיין פייגעלע,
ניטאָ שוין מער קיין קעצעלע,
איז אומעטיק דאָס מיידעלע ביז גאָר.
וויל זי אַ שיין פייגעלע,
וויל אַ גוטע קעצעלע—
אַ מתנה וויל זי פאַר דעם נייעם יאָר.

אַן עפּעלע

אַן עפּעלע גרין און רויט,
גלאַנציק און באַטויט...
טו איך עפּעלע אַ רים,
אַ מחיה... רייף און זים!

דאָס עפּעלע ביים איך איין:
טעם פון בעסטן וויין,
אין עפּעלע'ס פרישן האַרץ,
קערעלעך, פייכט און שוואַרץ.

וואַרף איך קערעלעך אַרויס,
אויף ערד אין מאַמעס שויס,
וועט אַ יונג בוימעלע קומען
מיט ווייס-ראָזע בלומען.

אַן עפּעלע וועט רויטלען, גרינען,
אין אָוונט-טוי, אין זון-באַגינען,
וועט עמיצער אַן עפּעלע רייסן,
וועט עמיצער אַן עפּעלע בייסן!

סטיוועלע און זיין מאַמע

סטיוזעם ביקסל גרוים ווי ער,
מאַמע׳ס פּנים שטראַלט:
„אַ קעסטל האָט ער מיט געווער,
מיין חכם... פינף יאָר אַלט.

סטיווי צילט, סטיווי שיסט,
ביים האַטשיק פלינק זיין האַנט,
מאַמע׳ס שמייכל אים באַגריסט:
„ביסט בעסטער אינעם לאַנד.״

דזשעין באַקט בולקעלעך פון ליים,
סטיווי שפּאַט אָפּ פון איר.
לייבל מאַכט פון זאַמד אַ היים,
סטיווי ברעכט איין די טיר.

און די מאַמע קוועלט און קוועלט:
„ווי שטאַרק, אוי ווי געראָטן״,
ס׳איז סטיוועלע אַ העלד,
די בולקעלעך צעטראָטן!

מיט זיין ביקסל און פּיסטוילן,
שרעק פאַר קליין און גרוים,
אויגן קאַלטע, בלויע קוילן
רופן קריגעריי אַרויס.

— — — — — — — —

אַ געטומל אויף דער גאַס,
סטיוו האָט ביקסל אויסגעצויגן
און אַזוי זיך, אויף אַ שפּאַס,
מיט אַרבעס־קויל אין מאַמעס אויגן.

מאַמע שווייגט, די ליפּ פאַרביסן,
ניט זי לאַכט, ניט זי קוועלט.
מער וועט סטיוועלע ניט שיסן,
מער ניט זיין קיין ווילדער העלד!

גרעזעלעך

גרעזעלעך, צאַרטע, שוואַך און קליין,
האָבן פיינט צו זיין אַליין;
ווי קינדערלעך צו ערד, דער מאַמען,
טוליען זיי זיך שטיל צוזאַמען.

גרעזעלע זוכט שפּייז פאַר לעבן,
זון און ליכט פאַר גרין געוועבן;
יעדעס בלעטעלע אין פעלד
איז אַ קליינע וואונדער־וועלט.

גרעזל ווערט געבוירן, שטאַרבט,
עמיצער פורעמט, שניצט און פאַרבט,
פון פוס צעדריקט, פון ראָד צעפלאַכט,
עס הויבט דאָס קעפל אויף און לאַכט.

איך שפּיל זיך מיט גרעזעלעך און קלער,
מיר דוכט אַ שטימעלע איך הער:
— ווען דו זאָלסט פון היינט ביז מאָרגן זיצן,
וועסטו קיין גרעזעלע ניט אויסשניצן.

ליבינקע, אַ צייט וועט קומען,
מענטש וועט שאַפן גראָז און בלומען,
ער, וואָס שאַפט שוין רעגן, בליצן,
וועט אויך לעבעדיקע גראָזן שניצן.

שווייגן גרעזלעך אין מיין שוים,
וויאַנען, זאָגן גאָרניט אויס;
כ'האָב אומזיסט זיי אויסגעריסן,
כ'וועל זייער סוד זיך ניט דערוויסן.

זינגט אַן איינזאַם פֿייגעלע

זינגט דער קלוגער פּאַראַקעט
פֿון גאַנץ פֿרי
ביז שפּעט —
איינזאַם איז ער אָן אַ „זי"
אין שטייגל פֿול מיט טרונק און זעט.

פֿון טויזנט פֿעדערלעך זיין קלייד,
פֿוכיק־ווייך ווי בלוי שיפֿאָן;
פֿאַלט אַ פֿעדערל ווי זייד,
וואַקסט אַ נייער אָן
און גלאַנצט אין פֿליגל־שפּרייט.

וויינט אַ פֿויגל, טשירפּעט און רעדט
אַ גאַנצן טאָג
פֿון פֿרי ביז שפּעט:
אַ שטילער פּיין אין זינגער־זאָג
פֿון פּאַראַ־פּאַראַ־פּאַראַקעט.

סיקומט אַ רעגן

ס'בענקען גראָזן, ס'וויאַנען בלומען,
ווען, אָ ווען וועט רעגן קומען?
ס'שוויצן קינדער, פרעגן, פרעגן —
ראַדיאָ האָט צוגעזאָגט אַ רעגן.

וואו האָט רעגן זיך באַהאַלטן?
ווער האָט אים אין וועג פאַרהאַלטן?
ווער האָט וואָלקנדלעך צעטריבן?
אָט געווען — און ניט געבליבן.

מיטאַמאָל אַ פליוך, אַ גאָס,
ס'יובלט בלום, עס אָטעמט גראָז.
ס'טאַנצט דער שטיפער זומער־רעגן
איבער דעכער, איבער וועגן.

אין דעם וואַסער־זון־געמיש,
לאָזט מען שיפלעך, כאַפּט מען פיש.
צווייגן לאַכן, בלעטער וויינען,
גאַסן ווי די שפּיגלען שיינען.

איז מקנא זון דעם רעגן,
ווישט מיט שטראַלן אוים די וועגן.
און פּאָר אָלעמען אין די אויגן
וועבט זיך אוים אַ רעגנבויגן.

האַ־האַ... האַ און האָ... האָ־האָ —
זעט נאָר, זעט נאָר, ווער ס'איז דאָ!
אָ, בריקעלע־בריק פון זון־קאָלירן,
וואו, אָ, וואו ווילסטו אונז פירן?

ווינקט די זון מיט אויגן בלויע: —
ער פירט צו ליכט דורך כמאַרעס גרויע,
דורך דונער, בליץ, דורך פלייץ און שטורעם,
צו דעם שענסטן, העכסטן טורעם.

הענטלעך קלאַפּן, פיסלעך טאַנצן,
פנימלעך ווי דימענטן גלאַנצן,
זומער־רעגן, רעגנבויגן,
געוועז, געשטיפט, אַוועקגעפלויגן!

אַ פייגעלע אין פרילינג

שטייט אַ פייגעלע אויפ׳ן דאַך,
אַרבעט האָט זי איצט אַ סך.
פון וווייטן, לאַנגן פלי נאָך מיד,
טשירפּעט זי אַ פרילינג־ליד.

אַ שטיקל וואָל, אַ ווייכער שטרוי —
מיט פיסלעך, שנאָבל קלעפּט זי זיי
אַ בלעטל גראָז, אַ פיצל ליים
פאַר עופעלעך אַ נעסטל־היים.

אַ הויכער באַרג, אַ הויכער בוים,
אַ הויכער צווייג — אַ נייע היים.
לייגט פייגעלע אייעלעך אין איר,
זיצט און טוט זיך ניט קיין ריר.

אַ ווערעמל ברענגט דער פויגל־טאַטע,
ס׳ווייבעלע זאָל אים זיין אַ זאַטע.
פון אייעלעך שייניקע ביז גאָר,
ברייט זי אויס אַ יונגן דור.

דער יאַריד

האַ - האַ - האַ !
סאַנטאַ איז דאַ —
זיידע סאַנטאַ קלאָז
מיט הירשל רויט־נאָז...
ער קומט... ער פליט
צום גרויסן יאַריד —
„כאַפּ... לויף... אויספאַרקויף,
יום־טוב פרייד,
יום-טוב גליק,
אויפן פונט... אויפן שטיק...
אין שאַכטעלעך פון סעלאָפאַן,
אין זילבער־גאָלד פאַפיר,
אין סטענגעלעך געבונדן,
פאַר דיר... פאַר דיר !״

לעמפּעלעך־גירליאַנדן,
ווי שטערן צעצונדן ;
זויסטאַוועס קאָלירטע מיט פרענדז, מיט גלאָקן
שרייען... לאָקן :
קום... לויף... קויף —
שיכעלעך, זעקעלעך,
ליאַלקעס רויט-בעקעלעך,
קראַוואַטן, כאַלאַטן,
היטלעך און קליידלעך פאַר מאַמעס און מיידלעך,
מציאות... בחינם...
האַלב-מקח... נאָר נעם...
האַ־האַ־האַ ! גייט ניט פאַרביי,
מתנות פריי.

אָרעמער סאַנטאַ, געוויקלט אין וואַטע,
שמייכלט צו קינדער, ווי גוטער טאַטע,
באַפּעלצט און באַפּוטערט,
מיט באָרד ביז די אויגן,
אָרעמס צו איטלעכן קינד אויסגעצויגן:
„העלאָ... ס'איז סאַנטאַ... סאַנטאַ קלאָז,
זאָג, וואָס ווילסטו... וואָס?"
טאַפּט מען אים,
גלעט מען אים,
פרעגט מען אים —
אַ שיף פאַר די רוימען,
אַ שטרודל מיט פלוימען,
אַ ליאַלקע וואָס טרינקט,
אַ פויגל וואָס זינגט,
אַ קאַץ און אַ הונט און אַ גאָלדענעם פיש
און סתם גוטע זאַכן פאַר יום-טוב טיש...
סאַנטאַ הערט,
סאַנטאַ קלערט,
זיין האַרץ איז נעבעך פול רחמנות —
טאַקע, וואו נעמט מען פאַר קינדער מתנות??

פון הינטער וויטרינע-גלאָז
ווינקט אַן אַנדער סאַנטאַ קלאָז,
אין זילבערנעם שליטן איז הירשל געשפּאַנט
אַקאָרשט פון צפון-לאַנד:
האָ - האָ - האָ...
מיר זיינען דאָ...
כאַפּ, לויף... אַן אויספאַרקויף.
קראָמען אויסגעפּוצט... פול מיט אַלדאָס גוטס!

לויפט מען,
כאַפּט מען,
ברענט מען וועלט—
אוצרות גאַנצע אויסגעשטעלט,
אַלץ פֿאַר דיר און דיר און דיר—
איין צרה... דער קאַסיר...

— — — — — — — — — —

אָוונט... סאַנטאַ מיד, צעשוויצט
ביים טיש מיט זיין משפּחה זיצט.
ער רעדט מיט וויימיק און פֿאַרדראָס,
ווי שווער ס'איז זיין אַ סאַנטאַ קלאָז...

אַ לעבעלע ברויט

אַ לעבעלע ברויט,
אַ לעבעלע ברויט
פֿאַר מיין ליאַלקע מאַך איך גרייט.
קנעט און גלעט,
גלעט און קנעט,
מאַך עס רונד, מאַך עס פֿיין,
און גלייך
אין אויוועלע אַריין!

פֿון לעבעלע ברויט,
פֿון לעבעלע ברויט,
ווערן בעקעלעך ווי רויזן רויט.
נעם פֿון טיש
פֿלייש און פֿיש
און אַן אייעלע פֿון הון אַרויס.
וועסטו וואַקסן
שיין און גרויס.

וויג־ליד

קערנדל אין ערד
זאַנגעלע ווערט,
יאָדערל אין ערד
בוימעלע ווערט.

בוימעלע, עפּעלע,
זאַנגעלע, ברויט,
וועט קינדעלע מיינס
ניט וויסן פון נויט.

וואַקסן וועט ליבינקער,
פליען אין רוימען,
מיטנעמען בערעלעך,
מיטנעמען פלוימען.

קינדעלע מיינס
וועט אַסטראָנאַט ווערן,
פליען צו־גאַסט
צו זונען און שטערן.

רונד אַרום ערד,
רונד אַרום וועלט,
צוריק צו דער מאַמען
פון זונען געצעלט.

ברענגען וועט קינד מיינס
פון זון און לבנה
קריגעלעך גאָלד
אַ געבורטסטאָג־מתנה!

די באַלאַדע וועגן אַברעמלס קוליעס

קינדערלעך שפּרינגען פון טרעפּל צו טרעפּ,
אויף גלאַטע פּאַרענטשעס מען גליטשט זיך אַראָפּ...
אַ מיידל — אַ פערדל מיט לייצעס־צעפּ —
האָפּעט און סאָפּעט און דרייט מיטן קאָפּ...

הענט פּאַטשן בראַוואָ דעם לוסטיקן פערד,
גלעקעלעך קלינגען — שטימעלעך זינגען,
מיטאַמאָל... באַץ!... אויסגעצויגן אויף דער ערד,
ליגט אַברעמעלע, דער בעסטער אין שפּרינגען.

אַ מאַמע לויפט איצטער פון טרעפּל צו טרעפּ:
„אוי ווי איז מיר... ווי... וואָס איז דאָרט געשען?"
דערשראָקענע אויגן... געבויגענע קעפּ...
די מאַמע האָט אומגליק פון קינד אירס דערזען...

אַ וואָגן... אַ דאָקטאָר... הערצער פאַרקלעמט,
דערשלאָגענע קינדער מיט הענטעלעך פּאַכן,
אין נאָענטסטן שפּיטאָל דעם אינגל מען נעמט
אפשר פאַר טעג... אפשר פאַר וואָכן...

און אָט איז אַברעמל שוין ווידער אין גאַס,
די אויגעלעך לויכטן, דאָס פּנימל שיינט —
דאָס הינקען ביי אים איז געוואָרן אַ שפּאַס,
די קוליעס — קנאה פון אַלע פריינט.

אַ פּעני, אַ קנעפּל, אַ בלייער — אַ שפּאַן,
אַברעמל פאַרדינגט זיינע קוליעס און לאַכט,
בעלנים אויף זיי אָן אַ שיעור פאַראַן,
אַ פאַרמעגן אַ גאַנצן ער האָט שוין געמאַכט!

אַברעמל אויף קוליעס — אַ גאַנצענער העלד,
ער שפּילט שוין אפילו מיט קינדער אין באַל;
אַרום אים אַ רעדל אויסגעשטעלט,
זיי שלינגען די וואונדער־מעשיות פון שפּיטאָל.

ס'האָט אַ אינגל פון קנאה דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ,
איז אברעמל געוואָרן באַליידיקט, אין כעס,
פאַרגעסן די קוליעס... דערלאַנגט אים אַ... צאַפּ
און געשלעפּט אים ווי אַ קאַץ, איבער גאַס...

ס'האָט די מאַמע אַברעמלען דורך פענצטער דערזען
און אין גאַס זיך געלאָזט... פייל־פון־בויגן:
„אוי, אַ וואונדער... אַ וואונדער אַ גרויסער געשען!"
און זי ווישט מיט'ן פאַרטוך די אויגן.

אַרום זיינען קינדער געשטאַנען אין ראָד,
יעדעס פּנימל — זיסקייט און חן,
בלויז אַברעמל געוואוסט האָט דעם אמתן סוד,
אַז אָן קוליעס שוין לאַנג קאָן ער גיין!

אַברעמלס קוליעס — סואווועניר אויפן וואַנט,
ער נעמט זיי אַרונטער פאַר שפּאַס,
ווי געטרייע פריינט ער גלעט זיי מיט דער האַנט,
נאָר ער נעמט זיי שוין מער ניט אין גאַס!

אַלע קינדערלעך ווייסן אַברעמעלעס סוד—
ער איז מער ניט קיין יחסן אין הויז —
פאַרוואָרפן די קוליעס געוועזן איז אַ שאָד,
נאָר מיט שפּאַס זיינעם פיינט ער זיך אויס!

י ו ד י ל

דוד׳ל איז אַ פֿרעסערל,
זויגט בייטאָג, ביינאַכט,
ווערט אים פֿול דאָס בייכעלע,
מרוקעט ער און לאַכט.

דוד׳ל איז אַ שלעפֿערל,
דרימלט שעה נאָך שעה,
מאַכט די מאַמע אויגן צו
איז ער ווידער דאָ.

דוד׳ל איז אַ שרייערל,
שרייט אויף אַלע נאָטן —
אַ אינגעלע אַ טייערער
אין טאַטעלען געראָטן.

„מענטש און צייט"

אַרויסגעגעבן פון „איקוף"
מיט דער מיטהילף פון
שרה פעל-יעלין בוך-קאמיטעט

ב. גאַרפילד, פאַרזיצער
א. קוירטמאַן, קאַסירער

דזש. קוגלער, סעקרעטאַר
י. אַשפּיז, פובליסיטי

גינאַ מעדעם, א. מאַימודעס, בעסי ראַטבלאַט, פערל פייגעלסאָן, שמעון טרייבוש, ב. מעלאַמעד, ס. הימעל, אָסקאַר ראַטבלאַט — וויצע־פאַרזיצערס

לאָס אַנדזשעלעס :

ב. און ס. אַפּעל
וו. באַכמאַן
ב. בלום
ה. און פּ. באַקסער
י. ביונאָוו
(אין אָנדענק פון סילי)
ב. און מ. גאַרפילד
אידיט (אין אָנדענק פון אהרן גאָרעליק)
ס. גילבערט
א. און מ. גאָטליב
ג. און ג. גורשטעל
הינדע (אין אָנדענק פון אהרן גאָלדבערג)
מ. און ר. גאָלדין
ס. און מ. דאַרדיק
ליובאַ (אין אָנדענק פון נייטן הורוויטש)
י. און ד. האַרנסטיין

א. און ס. וואַכער
ע. און ה. ווילינסקי
ד. און מ. ווייַן
ל. ס. זיסער
ש. טאַר
ב. טשערנין
דזש. און א. יאָכעלסאָן
ד"ר און רעי לובין
לילי און בעטי
ב. און ק. לעוויצקי
ס. ליפשיץ
ר. און ר. מאָסט
ר. מאַרקוס
ל. מאַגידאָוו
י. מאַרדין
באָריס מעלאַמעד און פאַמיליע
ס. מיידזשער
פּאַשאַ (אין אָנדענק פון א. מאָורים)

ח. נאַקוטין

ל. סימאָנאָוו
ר. סימקין
י. און ב. סאלצבערג

עטל (אין אָנדענק פון
טעד סאַוואַל)
א. און ק. עפשטיין

דזש. און ס. פאָגעל
מ. פיש
ש. און א. פראַנצבלוי
מיני (אין אָנדענק פון
מאַקס פאָלער)

מ. און ד. קאָלנער
סאָניע (אין אָנדענק פון
יוסף קאַראַבעלאָ)
ק. קאָסטין
אהרן (אין אָנדענק פון
רבקה קוירטמאַן)
ר. און דזש. קוגלער
וו. און פ. קיטאַי
ב. און פ. קופער
לינאָ (אין אָנדענק פון
סעם קלאַפערמאַן)
ענאָ (אין אָנדענק פון
נייטן קרופין)
דזש. און מ. קריין

חיה (אין אָנדענק פון
חיים קיילין)
אָ. און מ. ראָטבלאַט
אַ. און ב. ראָטבלאַט
ס. ראָטענבערג
ד. און פ. רובין
י. שאַכנאָוו

ד. און ר. שאַפּיראָ
ג. און א. שאַפּיראָ
א. און י. שעריטאָן

בעי־סיטים:

א. און ר. אַדלער
ט. און ה. באַרש
ד. און ט. ביירנאַק
ס. און מ. הימעל
ס. רובאַק
י. און פ. שייפער

דאַלאַס, טעקסאַס:

ח. ר. און ה. אַנדרעס
חיים יעלין
לילי (אין אָנדענק פון
פרענק מעלניק)

ר אָ ו ז ק ו י ר ק
אין אָנדענק פון
פ ר ע נ ק ק ו י ר ק

האָליוואוד אידישער קולטור קלוב

האליוואוד „איקוף" קלוב

שיקאַגער קולטור און וועלפער קלוב אין ל. א.

לאָס אַנדזשעלעס:

דזש. און דזש. אַמאָוו

ב. און פּ. באטלער
ד. און פּ. באַסמאַן
א. און ל. באַרנשטיין
חיים בוקרינסקי
מ. און ע. בלאַט
בערטאַ בלאַנדער
בעסי בלום
דזש. און א. בערנשטיין
ל. און ק. ברוקס
בערל פון זוויל

ה. און מ. גראַומאַן
ליליען גאָלדבערג
חיה (אין אָנדענק פון
זכריה גאָלדמאַן)
נ. און ל. גוראַ

סיידי דאָראָשקין
ביל טאָמקין

י. און ר. וואַנעטיק
דזש. און ה. וואָלפסאָן

ש. און מ. טרייבוש
י. און ג טשערניצקי

מיימי יאַשאַן

י. און ד. לאַקריץ
ס. ב. לוטין
ראַכיל ליסט
ל. און ר. לערנער
בעסי (אין אנדענק פון
דייוו לערמאַן)

מרים פייערמאַן לעווין

ה. און ב. מאַרקוס
א. און מ. מערלין
א. מאגיל

חיים סטיין
פרידאַ סייגער
מיני סיידעל
ס. און פּ. סנאָו
נ. און פּ. סענטער

נ. און פּ. פּאָדעמבערג
נ. און פּ. פורמאַנסקי
מאַקס פרידנטאַל
ענאַ (אין אָנדענק פון
באַרני פלאָם)

אייב קאָרן
י. און ל. קאָרן
מ. און ב. קאַנטאָר
רעגינא קאטלער
ס. און ב. קוגלער
ע. און ל. קאַץ
פּ. און נ. קינג
ענאַ קרייצער
א. קענדזער

א. און ח. ראָזען
מערי (אין אָנדענק פון
דוד ריטשמאַן)
א. און ס. ראַסקין
טעם ראַבינאָוויטש

דזשוליוס שולמאַן

אילײ — אין אָנדענק פֿון זײַן פֿרוי — **לוסי ניומאַרק**
געװוען סעקרעטאַר פֿון שרה פעל־יעלין לײען־קרײַז אין דעטראָיט

אין אנדענק פֿון **ענע בלעכער** — אירע פֿרײַנט

אידישער פֿאָלקס-כאָר — לאָס אַנדזשעלעס

האליװאוד קולטור-קלוב (ענגליש)

קאַליפֿאָרניע:

טשאַרלס פֿרידמאַן
(אָוקלאַנד)

דזש. טשידעקל
(בעװערלי הילס)

סאָפי בערגער
(דעזערט האָט ספרינגס)

סידני װײַנשטײן
(לײקװאוד)

דזש. און ע. גראװוער
(לאָנג ביטש)

פֿ. און ר. מאַרדען
(עלסינאָר)

סילי טשעלניק
לידיאַ קאַזאַק (רעזידאַ)

שאול האָפמאַן
(סאַן פֿראַנציסקאָ)

װם. קאַפלאַן (ריטשמאָנד)

ניו-יאָרק

יאַנקל דאָראָשקין
שרה נידל
פּ. און ר. פּוגאַטש
מאָלי בערגער
װיקטאָר יעלין

ניו־דזשוירזי:
מ. און א. זעלצמאַן

דעטראָיט:
מ. און ר. סאָבאָראָװ
סעם קראַפֿט

באָסטאָן און אומגעגנט:

דר. ה. און א. סטעללער
דזש. און פ. גאַבסטוב
פעני הינדעס
דאָראַ הײד
ה. לעװענסאָן
ב. און ב. גרױסער
דזש. און ל. אַװרוטש